STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10645

LITERATUR-FRAGES BA MARKS UN ENGELSN

Sh. Bilov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלוקראַיִנישע וויסנשאפטלעכע אקאדעמיע
אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור
סעקציע פאר ליטעראטור אונ קריטיק

ש. בּילאָוו

ליטעראטור-פראגעס בּא מארקסנ אונ ענגעלסנ

(עטיודנ)

פארלאג פונ דער אלוקראַיִנישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע
קיִעוו ● 1934

פאראנטוו. רעדאקטער—מ. לעוויטאנ.
טעכנישער רעדאקטער — ז. טורבאָוו־
סקי. קאָרעקטער — מ. דובינסקי.
פאפיר 94×62 — 1/10—38 קג. 8 דרוק־
בויגנ. אינ 1 פאפיר־בויגנ 96 000 צייכנס.
טיראזש 1 800 עקז. פארלאג E—258 №.
2־טע אינטערנאציאָנאלע דרוקעריי, אופ״ט.
קיעוו, רויטער פלאצ 2־a. באשט. 605.
באפולמ. פונ קיעווער געגנטליטנ 357 №.
אָפגעגעבנ אינ זאצ 7/V—1934, אונטער־
געשריבנ צומ דרוק 19/VII—1934.

דערלויבט ארויסצולאָזנ פונ דרוק. באשטענדיקער
סעקרעטאר פונ דער אלוקראינישער וויסנשאפט־
לעכער אקאדעמיע. אקאדעמיקער י. י. אגאָל.

„... קריטיק איז ניט די לײַדנשאפט פון קאָפּ, זי איז דער קאָפּ פון דער לײַדנשאפט; זי איז ניט קײן אנאַטאָמישער מעסער, זי איז א געװער".
(מארקס)

דעם 14 מארט 1883 יאָר איז געשטאָרבן דער גאָניאַלער רעװאָלוציאָנער און דענקער, דער פירער פון דעם אלװעלטלעכן פּראָלעטאַריאט קארל מארקס.

ענגעלס, אײנער פון די גרונטלייגער פונעם מארקסיזם, האָט אין זײַן רעדע אױף מארקס קײװער צװישן איבעריקן געזאָגט: „די װיסנשאפט איז געװען פאר מארקסן די היסטאָריש־באַװעגנדיקע רעװאָלוציאָנערע קראפט. יעדע נײַע אנטדעקונג אין אװאָסער ס'איז טעאָרעטישן געביט, װאָס איר פּראקטישע אָנװענדונג, קאָן זײַן, האָט מען נאָך אפילו ניט געקאָנט אײַנזען, האָט אים פארשאפט די רײנסטע פרייד. נאָר איגאנצן אן אנדער מין פרייד האָט ער געשפּירט, װען עס האָט זיך געהאנדלט װעגן אן אנטדעקונג, װעלכע האָט רעװאָלוציאָניזירט די אינדוסטריע און בכלל די היסטאָרישע אנטװיקלונג. אזוי האָט ער אופמערקזאם נאָכגעשפּירט נאָך דער אנטװיקלונג פון די אנטדעקונגען אינעם געביט פון עלעקטרע, אין דער לעצטער צײַט—נאָך די ארבעטן פון מארסעל דעפּרע. מארקס איז פריער פון אלץ געװען א רעװאָלוציאָנער. מיטװירקן אױף דעם אָדער יענעם אופן צום פאלן פון דער קאַפּיטאליסטישער געזעלשאפט און פון די געשאפענע דורך איר מעלוכע־אינסטיטוציעס, מיטהעלפן דער זאך פון דער באפרײַונג פונעם מאָדערנעם פּראָלעטאריאט, אין װעלכן ער האָט דער ערשטער ארײַנגעאָטעמט דעם באװוסט־זײַן פון זײַן לאגע און פון זײַנע באדערפעניש, דעם באװוסטזײַן פון די באדינגונגען פון זײַן באפרײַונג—אָט דאָס איז געװען זײַן װירקלעכער לעבנס־בארוף. קאמף איז געװען זײַן סטיכיע. און ער האָט געקעמפט מיט לײַדנשאפט, אײַנגעשפּארטקײַט, דערפאָלג, װי ניט קײן סאך אנדערע".

און ענגעלס ענדיקט זײַן רעדע אפן קײװער פון זײַן גאָניאַלן פרײַנט מיט די פאָלגנדיקע װערטער: „זײַן נאָמען און זײַן שאפן װעלן לעבן יאָר־הונדערטער!"

די דאָזיקע קארגע װערטער ענגעלס שטרײַכן אונטער באזונדערס בולעט דעם װירקלעכן באטײַט פון גרויסן גאָניאַלן רעװאָלוציאָנער און לערער פונעם אלװעלטלעכן פּראָלעטאריאט. אינעם לאנד פון די ראטן און אומע־טום, װו דער פּראָלעטאריאט און די ארבעטנדיקע ראנגלען זיך אין די לעצטע

שלאַכטן מיטן וועלט־קאַפּיטאַליזם, לעבט מאַרקס נאָמען, לעבט מאַרקס לערע, לעבט דער רעוואָליוציאָנערער מאַרקסיזם—די רעוואָליוציאָנערע טעאָריע פונעם קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט.

„די לערע פון מאַרקסן,—זאָגט לענין,—איז אַלמעכטיק, ווייל זי איז ריכטיק". נאָר פונקט ווי די וויסנשאַפט, די פילאָסאָפיע געפינען אינעם פּראָלעטאַריאַט זייער מאַטעריעל וואָפן, אַזוי געפינט דער פּראָלעטאַריאַט זיין אינטעלעקטועל וואָפן אין דער פילאָסאָפיע, אין דער וויסנשאַפט.

„אונדזער לערע,—האָט געזאָגט ענגעלס וועגן זיך און וועגן זיין באַרימטן פריינט,—איז ניט קיין דאָגמע, נאָר א וועגווייזער פאַר טאַט" (לענין). דער פּראָלעטאַריאַט וואָלט בלינד געזוכט זיין באַפרייונג, ווען ער וואָלט ניט געווען באַוואָפנט מיטן געווער פונעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם—מיט דער רעוואָליוציאָנערער לערע פון מאַרקסן, ענגעלסן, לענינען און סטאַלינען.

פאַר דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט שטייען איצט אַף דער טאָג־אָרדענונג גרויסע, אַקטועלע פּראָבלעמעס. זי דאַרף מיטהעלפן אונדזער ליטעראַטור צו ווערן א גרויסע ליטעראַטור, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן אונדזער גרויסער עפּאָכע—דער עפּאָכע פון סאָציאַליסטישע רעוואָליוציעס און פון גראַנדיעזער סאָציאַליסטישער בויונג — צו ווערן א שעפערישער פאַקטער אין דער אויסבילדונג פון דער אָנקלאַסווער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־וויסנשאַפט דאַרף פאַנאַנדעראַרבעטן די פּראָבלעמע פונעם שעפערישן מעטאָד אין דער ליטעראַטור, זי דאַרף זאָרגן פאַר דעם, אַז דאָס, וואָס מיר קאָנען און דאַרפן יאַרשענען פון דער בורזשואַזער קולטור אינעם ליטעראַטור־געביט, זאָל אין דער נייטיקער מאַרקס־לענינישער באַלויכטונג דערגיין צו מיליאָניקע מאַסן.

די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־וויסנשאַפט וועט אָבער ניט זיין בעקויעך דאָס אַלץ צו טון, אויב זי וועט זיך ניט שטיצן אַף די געניאַלע אַרבעטן און אַרויסזאָגונגען, וואָס זיינען פאַראַן בא מאַרקסן, ענגעלסן, לענינען און סטאַלינען וועגן קולטור ביכלאַל און ליטעראַטור ביפּראַט. די דאָזיקע אַרבעטן און אַרויסזאָגונגען דאַרפן דינען פאַר דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט ווי קאָנדענסירטע מעטאָדאָלאָגישע פאַראַרבעטן איבער די ליטעראַרישע פּראָבלעמעס, וואָס דאַרפן איצט פאַנאַנדערגעאַרבעט ווערן אין א צעוויקלטער פאָרם.

אין פאַרבינדונג מיט די מאַרקס־פייערונגען האָט אונדזער מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־וויסנשאַפט געשטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע אויפצוהייבן, זאָל זיין דערווייל נאָר טיילווייז, דעם מעטאָדאָלאָגישן און היסטאָריש־ליטעראַרישן מאַטעריאַל, וואָס איז צעשפּרייט איבער די ווערק פון מאַרקסן און ענגעלסן. וועגן דער ערשטראַנגיקער וויכטיקייט פון יעדן געדאַנק־ניואַנס בא מאַרקסן (און דאָס זעלביקע קאָן מען אויך באַהויפּטן וועגן ענגעלסן) זאָגט איידעס ניט קיין אַנדערער, ווי לענין: „אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער

מענטשלעכער געזעלשאפט, האָט ער קריטיש איבערגעארבעט, ניט איבערלאָזנדיק קיין איינ פונקט אָנ אויפמערקזאמקייט. אלצ, וואָס דער מענטשלעכער געדאנק האָט געשאפנ, האָט ער באארבעט, אונטערגעוואָרפנ אונטער קריטיק, קאָנטראָלירט אינ דער ארבעטער־באוועגונג אונ האָט געמאכט יענע אויספירנ, וואָס מענטשנ, וועלכע זיינענ באגרענעצט מיט בורזשואזע ראמענ אָדער געבונדנ מיט בורזשואזע פאָרורטיילנ, האָבנ ניט געקאָנט מאכנ". (לענינ, רעדע אפנ דריטנ צוזאמענפאָר פונעם קאָמיוג).

די דאָזיקע אָנווייזונג לענינס איז פאר דער מארקס־לענינישער ליטעראטורוויסנשאפט העכסט וויכטיק. ס'איז דאָכ באוווּסט, אז אפילע דער געלערנטער מארקסיסט פראנצ מערינג, וואָס האָט זיכ געפונענ אפנ לינקנ פליגל פונ דער דייטשישער סאָציאל־דעמאָקראטיע, האָט געהאָלפנ שאפנ א „ליבעראלע לעגענדע" וועגנ מארקס ליטעראַרישע אָנשויונגענ. מערינג שרייבט: „אינ זיינע ליטעראַרישע אורטיילנ איז מארקס געווענ פריי פונ יעטווידנ פאָליטישנ אונ סאָציאלנ פאָרורטייל, ווי עס באווייזט זיינ ליבע צו שעקספירנ אונ צו וואלטער סקאָטנ. ער איז אָבער פונדעסטוועגנ ניט געווענ קיינ אָנהענגער פונ „ריינער עסטעטיק", וועלכע פאָרט זיכ גאנצ אָפט מיט פאָליטישנ גלייכגילט אָדער אפילע האכנאָע. אויכ אינ אָט דעמ געביט איז מארקס געווענ א גאנצער מענטש, מיט א זעלבשטענדיקנ אונ אָריגינעלנ אינטעלעקט, וועלכנ מע קאָנ ניט אויסמעסטנ מיט א וואָסער ס'איז שאבלאָנ. אזוי האָט ער ניט פארנאכלעסיקט אויכ די באשיידענע ליטעראטור, פונ וועלכער א פראָפעסיאָנעלער עסטעט וואָלט ניט געוואָלט הערנ אונ גדענקענ. מארקס, פונקט ווי דארווינ אונ ביסמארק, האָט ליב געהאט צו לייענענ ראָמאנענ; א באזונדער נייגונג האָט ער געפילט צו אוואנטיורעס אונ הומאָריסטישע דערציילונגענ; אזוי פלעגט ער פונ סערוואנטעסנ, באלזאקנ אונ פילדינגנ אריבערגיינ צו פאָל־דע־קאָקנ, צו דיומא—דעמ פאָטער, וועלכער האָט געהאט אפ זיינ געוויסנ דעמ גראפ מאָנטע־קריסטאָ" [1].

די דאָזיקע כאראקטעריסטיק פונ מארקס ליטעראַרישנ געשמאק אונ ליטעראַרישע אָנשויונגענ, וואָס עס גיט דאָ פראנצ מערינג, איז אינ טאָכ ניט ריכטיק. זי אנטשפּרעכט לאכלוטנ ניט דער פאקטישער זאכלאגע. מארקס, ווי ענגעלס, איז אויכ אינ ליטעראטור־פראגעס, פונקט ווי אינ פילאָסאָפיע, עקאָנאָמיע, געשיכטע, פאָליטיק א.אז.וו., געווענ ליידנשאפטלעכ פארטייִש. אלע זיינע ליטעראַרישע ארויסזאָגונגענ רעדנ וועגנ דעמ גאנצ קלאָר. אפילע דאָס, וואָס עס ברענגט מערינג גופע, באשטעטיקט דעמ דאָזיקנ געדאנק, ווי מיר וועלנ עס זענ אביסל וויטער. עס וועט זיינ גענוג צו דערמאָנענ די נעגאטיווע אָפּשאצונג, וואָס מארקס גיט עזשענ סיו, שאטאָבריאנענ, זיינ הויכע אָפּשאצונג פונ באלזאקנ, זיינ באציִונג צו הייגענ, זיינ אָפּשאצונג פונ געטענ, זיינ שעקספיר־ אונ עסכיל־„קולט", דער אויפנ, וויאזוי מארקס נוצט אויס ליטע-

[1] פר. מערינג. „קארל מארקס". 1920. ז. 408 (רוס.).

ראַרישן מאַטעריאַל אין זײַנע ווערק, א.אַז.וו. וועגן ענגעלס פּאַרטייִשקייט אין ליטעראַטור־פראַגעס וועלן מיר דערוויַיל ברענגען בלויז אַ קליינע ציטאַטע פון זײַן פאָרוואָרט צו דער איטאַליענישער אויסגאַבע פונעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט". ענגעלס שרײַבט דאָרט: „איטאַליע איז געווען די ערשטע קאַפּיטאַליסטישע נאַציע. דער סאָף פונעם פעאָדאַלן מיטלאַלטער, דער אָנהייב פון דער מאָדערנער קאַפּיטאַליסטישער ערע זײַנען באַצייכנט דורך אַ קאָלאָסאַלער פיגור. דאָס איז — דער איטאַליענער דאַנטע, וואָס איז איינצײַטיק געווען דער לעצטער פּאָעט פונעם מיטלאַלטער און דער ערשטער פּאָעט פון דער נײַער צײַט. איצט, ווי אין 1300 יאָר, קומט אָן אַ נײַע היסטאָרישע ערע. צי וועט איטאַליע אונדז געבן אַ נײַעם דאַנטע, וואָס זאָל פאַרקריצן די געבורט־שאָ פון דער נײַער פּראָלעטאַרישער ערע?"[1].

די אויסגעשפּראָכענע פּאַרטייִשקייט, מיט וועלכער ענגעלס קוקט אָפּ דער ליטעראַטור, שפּאַרט דאָ אַרויס פון אַלע ווינקעלעך פון דער נאָרוואָס געבראַכטער ציטאַטע.

בײַ מערינגן באַקומט זיך אָבער, אַז מאַרקס פלעגט לייענען ראָמאַנען, דאַרווין פלעגט לייענען ראָמאַנען, און ביסמאַרק האָט אויך געלייענט ראָמאַנען.

ס'האָט נאָר געפעלט, אַז מערינג זאָל אָנטון מאַרקסן אין אַ שלאָפראָק, און דאָס אידילישע בילד פון מאַרקס ליטעראַרישע אָנשויונגען וואָלט געווען פאַרגאַנצט.

פראַנץ מערינג האָט זיך אין דעם פאַל פאַקטיש באַטייליקט אין דער „פאַרשווײַגונג־פאַרשווערונג", וואָס די טעאָרעטיקער פונעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע האָבן געשריבן וועגן ליטעראַטור, האָבן געמאַכט בענעגייע די ביז־גאָר ווערטפולע מעטאָדאָלאָגישע און היסטאָרישע אָנווײַזונגען, וואָס זײַנען פאַראַן בײַ מאַרקסן און ענגעלסן וועגן ליטעראַטור און קונסט. ניט קאַוטסקי (אין זײַן אַרבעט וועגן שילערן), ניט פּלעכאַנאָוו אין זײַנע אומצאָליקע אַרבעטן וועגן ליטעראַטור, ניט אָרטאָדאָקס־אַקסעלראָד האָבן זיך קיינמאָל ניט געמיט פאַנאַנדערצואַרבעטן אין אַ פאַנאַנדערגעוויקלטער פאָרם מאַרקס און ענגעלס אַרויסזאָגונגען וועגן ליטעראַטור און קונסט. אויב מערינג טוט עס יאָ, שטעלט ער זיך דערבײַ פאַר אַ ציל צו „לעשן" מאַרקס פּאַרטייִשקייט אין ליטעראַטור־פראַגעס; זײַן טענדענץ איז דאָ צו „ליבעראַליזירן" מאַרקסן אָדער צו טראַקטירן מאַרקס ליטעראַרישע אָנשויונגען, ווי אַ פּריוואַטע זאַך. דאָס איז צו מערקן אין זײַן אַרבעט וועגן פרייליגראַטן („פרייליגראַט און מאַרקס אין זייער קאָרעספּאָנדענץ", 1929), אין זײַן ביאָגראַפיע פון מאַרקסן, אין זײַן טראַקטירן מאַרקס באַציִונג צו שילערן א.אַז.וו. די דאָזיקע „פאַרשווערונג" איז ענג פאַרבונדן מיט דעם אָפּאָרטוניסטישן גײַסט, מיט וועלכן די טעאָרעטיקער פונעם 2־טן אינטערנאַציאָנאַל זײַנען געווען דורכגעדרונגען.

[1]) ק. מאַרקס און פר. ענגעלס. „קאָמ. מאַניפעסט". 1932. ז. 14 (רוס.).

און האגאמ מערינג איז געשטאנענ אפנ לינקנ פליגל פונ דער דײַטשישער סאָציִאל־דעמאָקראטיע, האָט זיכ אימ פונדעסטוועגנ ניט אײַנגעגעבנ גויוועד צו זײַנ די אָפּאָרטוניסטישע טענדענצנ, וואָס האָבנ געהערשט בא די טעאָרעטיקער פונעמ 2־טנ אינטערנאציִאָנאל אויכ אינ באצוג צו מארקס אונ ענגעלס ירושע אינ פראגעס פונ קונסט אונ ליטעראטור. די דאָזיקע טעאָרעטיקער האָבנ זיכ ניט געקאָנט דערהייבנ צו דער אָנווײַזונג, וואָס ענגעלס גיט אינ זײַנ ארײַנפיר צו מארקס „18־טער ברומער״: „ניט קיינ אנדערער, ווי מארקס, האָט דער ערשטער אנטדעקט דעמ גרויסנ געזעצ פונ היסטאָרישער באוועגונג— דעמ געזעצ, לויט וועלכנ יעדער היסטאָרישער קאמפ — צי קומט ער פאָר אינ פּאָליטישנ, רעליגיעזנ, פילאָסאָפישנ, אָדער אינ אַוואָסער ס'איז אנדער געביט — איז אינ דער ווירקלעכקײַט נאָר א מער אָדער ווייניקער בולעטער אויסדרוק פונעמ קאמפ פונ די געזעלשאפטלעכע קלאסנ...״ 1).

דעמ דאָזיקנ גרונט־פרינציפ פונ דער מארקסיסטישער מעטאָדאָלאָגיע האָבנ די טעאָרעטיקער פונעמ 2־טנ אינטערנאציִאָנאל אינ טאָכ קיינמאָל ניט באנומענ, אונ דעריבער האָבנ זיי ניט פארשטאנענ מארקס אונ ענגעלס פארטייִשקײַט אינ ליטעראטור־פראגעס, אונ זיי זײַנענ געבליבנ גלײַכגילטיק צו דער רײַכער ירושע, וואָס די גרונטלייגערס פונעמ מארקסיזמ האָבנ אונדז איבערגעלאָזט אינ געביט פונ ליטעראטור אונ קונסט.

דער איינציקער, וואָס האָט בעעמעס פאָרגעזעצט מארקסנ אונ ענגעלסנ אינ פראט פונ אָנווענדנ זייער צוגאנג צו ליטעראטור־פראגעס, איז געווענ לענינ. וועגנ דעמ זאָגנ איידעס זײַנע ארבעטנ וועגנ טאָלסטויענ אונ ביכלאל אלצ, וואָס ער האָט אָנגעשריבנ וועגנ ליטעראטור־פראגעס. אינ קעגנזאצ צו דעמ, וואָס עס האָבנ באהויפּט די אויבנדערמאָנטע טעאָרעטיקער פונעמ 2־טנ אינטערנאציִאָנאל, זײַנענ מארקס אונ ענגעלס ניט געווענ גלאט קיינ קונסט־געניסער. פאר זיי איז ליטעראטור אונ קונסט אינ דער קלאסנ־געזעלשאפט געווענ אנ אידעאָלאָגישער אויסדרוק פונעמ קאמפ צווישנ די געזעלשאפטלעכע קלאסנ, ווי אויכ א געווער אינ דעמ דאָזיקנ קלאסנקאמפ. אלס די גרונטלייגער פונעמ היסטאָרישנ מאטעריִאליזמ, האָבנ מארקס אונ ענגעלס אויכ דורכ די קאנאלנ פונ דער ליטעראטור געפאָרשט דאָס מאטעריעלע זײַנ פונ דער געזעלשאפט, די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ, דעמ קלאסנקאמפ, די קלאסנ־איבערוקנ. נאָר דאָ, אינעמ רעוואָליוציִאָנערנ דערקענטעניש־דאָרשט פונ די גרונטלייגער פונעמ מארקסיזמ, דארפ מענ זוכנ די סיבע פונ זייער ריזיקער ליטעראַרישער ערודיציע. אונ אז די ליטעראַרישע אָנשויונגענ פונ מארקסנ אונ ענגעלסנ שטייענ ניט אינ א זײַט פונ זייער רעוואָליוציִאָנערער, דיִאלעקטיש־מאטעריִאליסטישער וועלטאָנשויונג, נאָר זיי פלעכטנ זיכ ארײַנ אינ דער דאָזיקער וועלט־אָנשויונג, ווי אנ אָרגאנישער באשטאנדטייל, אָדער בעסער געזאָגט, זיי דרינגענ ארויס פונ זייער גאנצער וועלטאָנשויונג,— אינ דעמ קאָנ זיכ איבער־

1) ק. מארקס. „18־טער ברומער״. 1932. ז. 7 (רוס.).

צייַגנ יעדער איינער, וואָס גייט צו באטראכטנ די דאָזיקע ליטערארישע אָנשויונגענ אזוי, ווי זיי זייַנענ געווענ אינ דערווירקלעכקייַט.

מיר קערנ זיכ אומ צו מערינגנ. מיר וועלנ באלד זענ, אינ וואָסערע אומקאָנסעקווענטקייַטנ מערינג פאלט אריַינ. ער שרייַבט: „וועגנ בייַראָנענ אונ שעלינ האָט ער (מארקס — ש. ב.) געזאָגט, אז דער, וואָס האָט ליב אונ פארשטייט די דאָזיקע פּאָעטנ, דארפ רעכענענ פאר א גליק, וואָס בייַראָנ איז געשטאָרבנ אפנ זעקס־אונ־דרייַסיקסטנ יאָר פונ זייַנ לעבנ: וואָלט ער געלעבט לענגער, וואָלט ער אָנ סאָפעק געוואָרנ א רעאקציאָנערער בורזשוא. אונ פארקערט, מע דארפ באדויערנ, וואָס שעלי האָט פארענדיקט זייַנ לעבנ אפנ נייַנ־אונ־צוואנציקסטנ יאָר: ער איז געווענ א רעוואָליוציאָנער דורכ אונ דורכ אונ וואָלט שטענדיק געהערט צו די פאָרגעשריטענע קעמפערס פארנ סאָציאליזמ"[1].

ווי מיר זענ, רייַסט דאָ מערינג אליינ אופ די „ליבעראלע לעגענדע" וועגנ מארקס ליטערארישע אָנשויונגענ, וואָס ער האָט אויבנ געשאפנ. פאקטנ פאָדערנ זייערס, זיי נעמענ נעקאָמע.

ס'זעט אויכ אויס מער ווי מאָדנע דאָס, וואָס מערינג שטעלט א גלייַכונגצייכנ צווישנ מארקס געשמאק בענעגייע קינסטלערישער ליטעראטור מיט די בייגונגענ צו שיינער ליטעראטור בא דארווינענ אונ ביסמארקנ. דארווינ איז, פארשטייט זיכ, געווענ א געניאלער דענקער אינ געביט פונ דער נאטורוויסנשאפט, אונ ביסמארק איז געווענ גרויס מיט דעמ, וואָס ער האָט „פארקויפט זייַנ נעשאָמע צו דעמ קאָנסערוואטיווע געגעמ" (מערינג). צי מעג מענ אָבער אידענטיפיצירנ זייער געשמאק אינ ליטעראטור מיט מארקס געשמאק? דארווינ האָט, ווי מיר ווייסנ, ניט אריבערגעשפרייַזט די ראמענ פונ דער נאטורוויסנשאפט, אונ עפשער ניט געקאָנט אריבערשפרייַזנ, ווייַל בא זייַנ גאנצער געניאלקייַט פונ א גרויסנ געלערנטנ איז ער פאָרט געווענ אינ קלעמ בא דער בורזשואזער געזעלשאפט מיט איר גאנצער באגרענעצטקייַט. מארקס האָט דארווינענ פארשטאנענ, ער האָט געמאכט די אלע נייטיקע וויסנשאפטלעכע אויספירנ פונ זייַנ לערע. מארקס איז שטאָלצ געווענ דערמיט, וואָס די וויסנשאפט אינ XIX י. ה. האָט געגעבנ דער מענטשהייַט אזא געניאלנ דענקער. ער האָט פלייַסיק שטודירט דארווינס ווערק. אָבער דארווינ האָט זיכ צו מארקסנ ניט געקאָנט דערהייבנ. דארווינס אינטערעס איז געבליבנ באגרענעצט מיט דער ביאָלאָגישער וועלט; פאר דער סאָציאלער וועלט איז אימ קיינ צייַט ניט געבליבנ... דעריבער האָט פאר דארווינענ די קינסטלערישע ליטעראטור ניט געקאָנט זייַנ קיינ אָביעקט פונ וויסנשאפטלעכער פאָרשונג, קיינ אָביעקט פונ פארטייִש־פּאָליטישע לייַדנשאפטנ. אונ אז מארקס האָט אינ 1880 יאָר געוואָלט ווידמענ דארווינענ איינעקע קאפּיטלענ פונ „קאפּיטאל" (12 אונ 13), ווו מארקס פארופט זיכ אפ דער לערע פונ עוואָליוציע, האָט דארווינ זיכ אינ

1) פר. מערינג. „ק. מארקס". ז. 408.

א בריוו צו מארקסנ געבעטנ, אז מע דארפ ניט. אונ בעעמעס, זײַנ „רו" וואָלט ווירקלעכ געליטנ, אויב אינ די קעפ פונ די ענגלישע בורזשואזע פיליסטערס וואָלט זיכ דער נאָמענ פונעמ רעספעקטאבעלנ געלערנטנ אונ דזשענטעלמענ טשארלז דארווינ אסאָציִירט מיטנ נאָמענ פונ א קארל מארקס, א רעוואָליוציִאָנער, אנ עמיגראנט, אנ אויסגעשפראָכענעמ אטעיִסט אונ פארביסענעמ מאטעריִאליסט [1]).

וועגנ ביסמארקס ליטערארישנ געשמאק וועט אונדז געבנ די בעסטע פאָרשטעלונג מערינגס זעלטענע כאראקטעריסטיק פונ דעמ „אײַזערנעמ קאנצלער". „דער דאָזיקער יונקער האָט אינ א גרויסער מאָס פארמאָגט די געיארשנטע שטריכנ פונ זײַנ קלאס: אנ אויסגעצייכנטנ אפעטיט, אנ ענערגישנ ווילנ, וואָס רעכנט זיכ ניט מיט גאָרניט, אונ, אינ ענגנ קאָנטאקט מיט די דאָזיקע אייגנשאפטנ, יענע היסטאָרישע באגרענעצטקײַט, וואָס איז בא איר גאנצער שארפזעעוודיקײַט בענעגייע צו מײַסימ אונ געשעפטנ, פאָרט בלינד צו די באוועג־קויכעס אינעמ לעבנ פונ די פעלקער" [2]).

די דאָזיקע כאראקטעריסטיק, וואָס מערינג גיט ביסמארקנ, רעדט פאר זיכ אליינ. ס'פרעגט זיכ אָבער, וויִאזוי־זשע האָט געקאָנט מערינג שטעלנ א גלײַכונג־צייכנ צווישנ מארקס אינטערעס צו ליטעראטור מיט ביסמארקס? פארוואָס האָט דאָ מערינג ניט אײַנגעזענ קיינ שומ סאָציִאל־קוואליטאטיוונ אונטערשייד צווישנ מארקסנ אונ ביסמארקנ בענעגייע צו זייערע ליטערארישע באדערפענישנ? מיר מיינענ, אז דאָס איז צו דערקלערנ מיט דעמ, וואָס מערינג האָט ניט פארשטאנענ די „סובסטאנצ", אזוי צו זאָגנ, פונ מארקס אונ ענגעלס ליטערארישנ געשמאק אונ ליטערארישע אָנשויונגענ. ער האָט די ליטערארישע אָנשויונגענ באטראכט ווי א פריוואטע זאכ, ווי עפעס באזונדערס, וואָס איז אָפגעריסנ פונ זייער דיִאלעקטיש־מאטעריִאליסטישער וועלטאָנשויונג. אָט וואָס מערינג שרײַבט וועגנ מארקס אונ ענגעלס אומצופרידנקײַט מיט א ריי לידער פרייליגראטס: „אינ טאָכ איז זייער נעגאטיווע באציִונג צו דערקלערנ מיט דעמ, וואָס אינ יענער צײַט האָבנ זיי פונעמ פלאָנטער פונעמ „עכטנ" סאָציִאליזמ

---

1) דארווינ שרײַבט אינ א בריוו צו מארקסנ: „זײַענדיק אנ אנטשיידענער אָנהענגער פונ פרײַהײַט פונ געדאנק אינ אלע פראגעס, דענק איכ פונדעסטוועגנ (ריכטיק אָדער ניט ריכטיק, אלצייינס), אז דירעקטע ארגומענטנ קעגנ קריסטנטומ אונ טעיִזמ וועלנ קוימ מאכנ אוואָסער ס'איז אײַנדרוק אפנ פובליקומ, אונ אז מער נוצנ דער פרײַהײַט פונ געדאנק ברענגט די בעהאדראָגעדיקע אופקלערונג פונ די קעפ, וועלכע קומט אינ רעזולטאט פונעמ פראָגרעס פונ דער וויסנשאפט. איכ האָב דעריבער שטענדיק באוווסטזיניק אויסגעמיטנ צו שרײַבנ וועגנ רעליגיע אונ האָב זיכ באגרענעצט מיטנ געביט פונ דער וויסנשאפט. אגעוו, איז מעגלעכ, אז דאָ האָט אפ מיר געווירקט מער וויפל ס'איז נייטיק דער געדאנק וועגנ דעמ ווייטעק, וואָס איכ וואָלט פארשאפט אייניקע מיטגלידער פונ מײַנ פאמיליע, אויב איכ וואָלט אזוי אָדער אנדערש אונטערגעהאלטנ דירעקטע אָנפאלנ אפ דער רעליגיע". („Под знаменем марксизма" № 1—2. 1931)

2) Фр. Меринг. "История германской соц.-демократии." т. II. стр. 331. Москва, 1906.

אויסגעארבעט זייער נייַע וועלטאָנשויונג און האָבנ געקוקט מיט פאראכטונג אפ אלצ, וואָס איז שוינ פאר זיי געווענ אנ אויסגעלעבטע זאכ. דערבײַ האָבנ זיי פארגעסנ דאָס רעכט פונעמ דיכטער צו ריידנ אפ זײַנ אייגענער שפראכ, וועלכע דארפ ניט און קאָנ ניט לויט דער לאָגישער קלאָרקײַט זיכ גלײַכנ מיט דער וויסנשאפטלעכער שפראכ"[1].

זײַנ ספעציעלע ארבעט „פרייליגראט און מארקס אינ זייער קאָרעספאָנדענצ" פארענדיקט מערינג מיטנ פאָלגנדיקנ אויספיר וועגנ מארקסנ און פרייליגראטנ: „... יעדערער פונ זיי האָט געגעבנ אינ זײַנ געביט די העכסטע מאָס דערגרייכונגענ דערפאר, ווײַל דער געביט פונ דעמ צווייטנ איז געבליבנ פאר אימ מער אָדער ווייניקער פארשלאָסנ"[2].

אז מארקס איז ניט געוואָרנ קיינ דיכטער, איז באוווסט, האגאמ זײַנע לידער פונעמ יוגנט-פעריאָד פארמאָגנ אזא מעכטיקנ פראָמעטייִשנ מעטאל און אייגנארטיקע געשטאלטלעכקײַט, וואָס זאָגנ איידעס וועגנ דער הויכער שטופע פונ סאָציאלער דיכטונג, צו וועלכער מארקס האָט געקאָנט דערגיינ, ווענ ער וואָלט געוואנגענ אפנ וועג פונ דיכטערישער טעטיקײַט. קיינער פונ די מארקסיסטנ, פארשטייט זיכ, באדויערט ניט, וואָס דער יונגער מארקס האָט „געוואָרפנ" די דיכטונג און האָט אומדערמידלעכ פארווענדט זײַנ געניאלנ אינטעלעקט צו שאפנ דעמ ריזיקנ בינינ „קאפיטאל" און די צענדליקער אנדערע געניאלע ווערק אינ געביט פונ פילאָסאָפיע, געשיכטע, פאָליטיק א.אז.וו. זײַנ פאָעטישע אײַנבילדונג-קראפט האָט זיכ אפ א זעלטענעמ אופנ רעאליזירט אינ די דאָזיקע ווערק. וועגנ דעמ זאָגט אפילע איידעס מארקס דער געניאלער סטיליסט, וועמעס שרײַב-מאניר האָט ניט בלויז אײַנגעזאפט אינ זיכ גאנצע פלאסטנ רײַכע יערושע פונ דער וועלט-ליטעראטור, נאָר האָט אויכ געשאפנ נײַע סטילקאנאָנענ, מוסטערנ, וואָס מיר דארפנ אופמערקזאמ שטודירנ און אָנווענדנ.

אָבער אז מארקס איז ניט בלויז געווענ א גרויסער און טיפער קענער פונ דער וועלט-ליטעראטור, נאָר האָט אויכ פארמאָגט א פארטייִשנ צוגאנג סײַ צו דיכטונג, סײַ צו פראָזע, און אז דער דאָזיקער פארטייִש-קריטישער כוש בא מארקסנ איז געווענ אָרגאניש פארבונדנ מיט זײַנ גאנצער רעוואָליוציאָנערער וועלטאָנשויונג, — דאָס ברענגט מערינג ניט ארויס.

מערינג לייזט די פראָבלעמ פונ פארטייִשקײַט אינ קונסט גאנצ „דואליסטיש" אינ זײַנ ארבעט וועגנ „פרייליגראטנ א.אז.וו.": „די וועג-צייכנס זײַנענ קלאָר אָנגעמערקט. פונ איינ זײַט, דורכ פרייליגראטס ווערטער וועגנ דעמ, אז „דער פאָעט שטייט אפ א טורעמ א מער הויכנ", פונ דער צווייטער זײַט — דורכ די ניט-ווייניקער גערעכטע ווערטער מארקס, אז אינדערמיט פונ די אופברויזנ פונעמ הײַנט דארפ דער פאָעט פארנעמענ א פארטייִשע פאָזיציע אינ ברייטנ היסטאָרישנ זינענ פונעמ וואָרט"[3].

[1]) Фр. Меринг. „Мировая литература и пролетариат“. стр. 162. 1925.
[2]) Фр. Меринг. „Фрейлиграт и Маркс в их переписке“. стр. 90. 1929.
[3]) דאָרט, ז. 90.

די דאָזיקע עקלעקטישע לייזונג פֿונ דער פּראָבלעמ וועגנ דער פּאַרטייִשקײַט אינ קונסט פּרוווט זיכ מערינג צושרײַבנ אויכ מאַרקסנ. ווענ מע טראַכט זיכ אָבער אַרײַנ אינעמ קרײַז פֿונ מאַרקס אונ ענגעלס ליטעראַרישער ערודיציע, ווענ מיר ווענדנ אונדזער אויפֿמערקזאַמקײַט אפֿנ כאַראַקטער פֿונ זייערע ליטעראַרישע אָנשויונגענ, באַקומט זיכ אַ גאַנצ אַנדער בילד וועגנ די ליטעראַרישע אָנשויונגענ פֿונ די גרונטלייגער פֿונעמ מאַרקסיזמ.

אַז מאַרקס אַרויסזאָגונגענ וועגנ ליטעראַטור, זײַנע אָפּשאַצונגענ, מעטאָדאָלאָגישע אײַנשטעלונגענ האָבנ זיכ שטענדיק באַזירט אפֿ אַ ריזיקנ מאַטעריאַל ליטעראַרישע קענטעניש,—ווערט באַשטעטיקט דורכ לאַפֿאַרגנ. „מאַרקס,—שרײַבט לאַפֿאַרג,—האָט אפֿ אויסווייניק געקענט היינע אונ געטענ אונ פֿלעג זיי אָפֿט ציטירנ אינ געשפּרעכ; ביכלל האָט ער זייער ליב געהאַט פּאָעזיע, ער האָט געלייענט עסכילנ אינעמ גריכישנ אָריגינאַל אונ געהאַלטנ אימ אונ שעקספּירנ פֿאַר די צוויי גרעסטע דראַמאַטישע געניעס, וואָס די מענטשהײַט האָט ווענ ס'איז געבוירנ. שעקספּירנ, ווע מענ ער האָט גרענעצלאָז געשעצט, האָט מאַרקס געמאַכט פֿאַר אַנ אָביעקט פֿונ סאַמע ברייטנ שטודיומ, אונ ער האָט געוווּסט די סאַמע אומבאַדײַטנדיקע פּערזאָנענ פֿונ זײַנע דראַמעס. אינ דער פֿאַמיליע פֿונ מאַרקסנ האָט געהערשט אַנ עמעסער קולט פֿונ גרויסנ ענגלישנ דראַמאַטורג... צו די באַליבטע מאַרקס פּאָעטנ האָבנ געהערט אויכ דאַנטע אונ בערנס... העכער פֿונ אַלע ראָמאַניסטנ האָט ער געשטעלט סערוואַנטעסנ אונ באַלזאַקנ. אינ דאָנ־קיכאָטנ האָט ער געזענ דעמ עפּאָס פֿונ אָפּגעשטאָרבענעמ ריטערטומ, וואָס זײַנע טוגנטנ זײַנענ אינ דער נאָרוואָס געבאָרענער וועלט פֿונ דער בורזשואַזיע געוואָרנ אַנ אָביעקט פֿונ געלעכטער אונ כויזעק. באַלזאַקנ האָט ער אַזוי הויכ געשטעלט, אַז ער האָט געטראַכט אָנצושרײַבנ וועגנ אימ אַ קריטישנ אַרטיקל, ווי נאָר ער וועט ענדיקנ זײַנ ווערק איבער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. לויט דער מיינונג פֿונעמ גרויסנ עקאָנאָמיסט איז באַלזאַק געווענ ניט בלויז אַ שטייגער־שרײַבער פֿונ זײַנ צײַט, נאָר אויכ אַ שעפֿער פֿונ יענע געשטאַלטנטיפּנ, וואָס האָבנ זיכ אינ דער צײַט פֿונ לוי־פֿיליפּנ נאָכ געפֿונענ אינ אַנ עמבריאָנעלנ צושטאַנד אונ האָבנ דערגרייכט צו אַנטוויקלונג שוינ שפּעטער, פֿאַר נאַפּאָלעאָנענ דעמ דריטנ... ווענ מאַרקס איז שוינ געווענ אַלט פֿופֿציק יאָר, האָט ער זיכ גענומענ לערנענ די רוסישע שפּראַכ, אונ ניט געקוקט אפֿ די שוועריקײַטנ פֿונ דער דאָזיקער שפּראַכ, האָט ער זי אפֿ אַזויפֿיל באַהערשט, אַז אינ וואָסערע זעקס כאָדאָשימ אַרומ האָט ער געקאָנט מיט פֿאַרגעניגנ לייענענ די רוסישע דיכטער אונ פּראָזאַיִקער, פֿונ וועלכע ער האָט באַזונדערס געשעצט פּושקינענ, גאָגאָלנ אונ שטשעדרינענ[1].

ענגעלס ליטעראַרישע קענטענישנ זײַנענ באַוווּסט פֿונ זײַנע גלענצנדיקע אַרבעטנ וועגנ בעקנ, גריונענ. זיי פֿילנ זיכ אינ אַ היפּשער מאָס קימאַט אינ

---

[1]) „К. Маркс. Революционер. Мыслитель. Человек“. 1923 г. „Московский Рабочий“.

אַלע זײַנע אַרבעטן: „די לאַגע פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין ענגלאַנד״, „אַנטי־דיורינג״, „אַנטשטייונג פון דער פאַמיליע״, „לודוויג פײַערבאַך״ א.אז.וו., א.אז.וו. פון ענגעלס בריוו וועגן ליטעראַטור־פראַגעס, וואָס זײַנען די לעצטע יאָרן בײַ אונדז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, ווערט פאַר אונדז קלאָר זײַנע ריזיקע ידיעס אין דער בורזשואַזער און קלײנבירגערלעכער ליטעראַטור פון XIX י. ה., און עס ווערט נאָכאַמאָל באַשטעטיקט די אָרגאַנישע פאַרבינדונג פון זײַנע ליטעראַרישע אָנשויונגען מיט זײַן גאַנצער וועלטאָנשויונג.

עס רופט אויך אַרויס בײַ אונדז אַ גרויסע פאַרוווּנדערונג, ווען מיר לייענען בײַ מערינגן אַזוינע ווערטער וועגן מאַרקסן: „אין זײַנע אַרבעטן, — שרײַבט מערינג, — איז פאַראַן ווייניק שפּורן פון זײַן ליטעראַרישער אַנגעלייענטקייט. אַן איינציקער אויסנאַם איז זײַנע פּאָלעמישע בראָשור קעגן פאָכטן, וווּ ער האָט אויסגענוצט פאַר זײַנע קינסטלערישע צוועקן זייער אַסאַך ציטאַטעס פון דער גאַנצער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור״. 1)

עס איז ווײַט ניט אַזוי. די ליטעראַרישע ערודיציע מאַרקס פילט זיך קימאַט אין אַלע ווערק זײַנע. אינעם אַרײַנפיר „צו דער קריטיק פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע״ גיט מאַרקס אַ קורצע, אָבער אַ גלענצנדיקע אָפּהאַנדלונג וועגן דער גריכישער קונסט בכלל און וועגן דעם גריכישן עפּאָס בפרט. אין זעלבן ווערק ציטירט ער אויך פּושקינס אַ פּאָעמע. אין „קאַפּיטאַל״ ווערט געבראַכט שעקספּיר, סאָפאָקל, באַלזאַק א.אז.וו. אין דער „אָרעמקײַט פון דער פילאָסאָפיע״ — זשאָרזש זאַנד. קימאַט אין אַלע ווערק פון מאַרקסן פילט זיך זײַן ליטעראַרישע ערודיציע, און זי ווערט פון אים מײַסטערהאַפטיק אויסגענוצט. עס רופט אַרויס גרויסן פאַרדראָס, ווען מע לייענט בײַ מערינגן די אויבנדערמאָנטע באַהויפּטונג. מאַרקס האָט ניט מיט קיין קלענערן רעכט געקאָנט זאָגן וועגן די גרויסע גײַסטער פון דער וועלט־ליטעראַטור דאָס זעלביקע, וואָס געטע האָט געשריבן וועגן שעקספּירן:

„Die erste Seite, die ich in Shakspeare las, machte mich Zeitlebens ihm eigen“.

(„די ערשטע זײַט, וואָס איך האָב געלייענט פון שעקספּירן, האָט מיר אים געמאַכט פאַר אַן אייגענעם אויפן גאַנצן לעבן״).

מאַרקס און ענגעלס טיפע ליטעראַרישע ערודיציע איז צו דערקלערן ניט בלויז מיט דעם, וואָס זיי זײַנען געווען די געבילדעטסטע אייראָפּעיער פון זייער צײַט, נאָר אויך מיט דעם, וואָס ביידע האָבן אויף זיך גענומען די גיגאַנטישע וויסנשאַפטלעכע אויפגאַבע אויסצובויען דעם מאַטעריאַליזם פון אויבן, ד. ה. דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. מיט דעם איז צו דערקלערן זייער דער־קענטעניש־דאָרשט בנוגע צו אַלע צווײַגן פון דער מענטשלעכער טעטיקײַט, מיט דעם איז צו דערקלערן זייער וויסנשאַפטלעכע אַלזײַטיקײַט. ס׳איז שווער אָנצורופן אַזאַ געביט פון מענטשלעכער קולטור, אין וועלכן זיי זײַנען ניט געווען באַהאַוונט. כוץ זייערע ספּעציעלע געביטן, ווי פּאָליטישע עקאָנאָמיע,

2) פר. מערינג. „ק. מאַרקס״, ז. 407.

געשיכטע, פילאָסאָפיע, אינ וועלכע זיי זײַנען געווען געניִאלע פאכלײַט, זײַנען זיי ביידע געווען אויכ גרויסע לינגוויסטנ, טיפע קענערס פונ דער נאטור־וויסנשאפט, אונ דערבײַ האָט נאָכ מארקס אדאנק זײַנ געניִאלער ארבעט־פייִקײַט געפונען צײַט אפ צו פארנעמען זיכ מיט ספעציִעלע מאטעמאטישע ארבעטנ. זייערע ליטערארישע קענטענישנ האָבנ ווײַט ניט פארנומען דאָס לעצטע אָרט אינ זייער סכומ וויסנ. ביידע לעגענדעס, סײַ וועגנ דעמ, אז זייער ליטערארישע ערודיציע איז געווען ניט קיינ גרויסע, סײַ דער געדאנק וועגנ דעמ, אז זייערע ליטערארישע אָנשויונגענ האָבנ געטראָגנ א צופעליקנ כאראקטער, אינגאנצנ אָפגעריסנ פונ זייער דיִאלעקטיש־מאטעריִאליסטישער וועלטאָנשויונג, זײַנען אבסאָליוט ניט ריכטיק. דאָס שטימט אינ קיינ פאל ניט מיט דערווירקלעכקײַט.

עס איז גאָר ניט צופעליק, וואָס מארקס, ווי עס דערציילט אונדז לאפארג, האָט זיכ געקליבנ שרײַבנ וועגנ באלזאקנ. דער געניִאלער ראָמאניסט, „דער דאָקטער פונ סאָציִאלע וויסנשאפטנ", האָט געהאט פאר מארקסנ, וואָס האָט געזוכט אינ דער קאפיטאליסטישער עקאָנאָמיק די אנאטאָמיע פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט, א גוואלדיקנ דערקענטעניש־באטײַט. מארקס האָט זיכ געקליבנ געבנ אנ אנאליז פונ דער פילזײַטיקער באלזאקישער עפאָפײע פונ דער פראנצויזישער געזעלשאפט אינ דער ערשטער העלפט פונ XIX י. ה. צומ באדויערנ, האָט עס מארקס ניט רעאליזירט, פונקט ווי עס האָט זיכ אימ ניט אײַנגעגעבנ צו רעאליזירנ זײַנ ווונטש אָנצושרײַבנ א ספעציִעלע ארבעט וועגנ דאָס ראציִאָנעלע, וואָס איז פאראנ אינ העגעלס דיִאלעקטישנ מעטאָד [1].

פאר מארקס ליטעראריש־קינסטלערישע נייגונגענ איז ביז גאָר כאראקטעריסטיש, וואָס ער האָט, ווי עס דערציילט לאפארג, צוגעזאָגט זײַנע טעכטער אָנצושרײַבנ א דראמע (פאר א סיוזשעט פונ דער דאָזיקער דראמע האָט באדארפט דינענ די געשיכטע פונ די גראקכנ).

פונ דעמ אלעמ, וואָס איז אויבנ געזאָגט געוואָרנ וועגנ מארקס אונ ענגעלס ערודיציע אינ געביט פונ ליטעראטור אונ וועגנ זייערע עסטעטישע אָנשויונגענ, איז קלאָר, פארוואָס עס רופט ארויס גרויס פארדראָס, ווענ עס קומט אויס נאָכ איצט צו באגעגענענ אינ ארבעטנ פונ מארקסיסטנ קונסט־טעאָרעטיקער באהויפטונגענ, וואָס האלטנ נאָכ אינ פאָפוליאריזירנ דעמ געדאנק, אז פלעכאנאָוו איז דער גרונטלייגער פונ דער מארקסיסטישער קונסט־וויסנשאפט, אונ אז מארקס, ענגעלס, לענינ האָבנ בלויז איבערגעלאָזט איינצלנע ארויסזאָגונגענ אונ האנאָכעס אינ דעמ דאָזיקנ געביט.

אזוי שרײַבט ר. פעלשע אינ זײַנ ארײַנפיר צו העגריכ וועלפלינס בוכ:

---

[1]) אינ א בריוו צו ענגעלסנ פונ 14 יאנוואר 1858 שרײַבט מארקס: „...מיר וואָלט זיכ זייער געוואָלט אינ א פארנעמ פונ צוויי־דרײַ בויגנ מאכנ צוטריטלעכ פארנ אלגעמיינעמ מענטשלעכנ פארשטאנד דאָס ראציִאָנעלע, וואָס העגעל האָט אנטדעקט אונ צוזאמענ מיט דעמ פארטונקלט". (אדאָראטסקי. „מארקס אונ ענגעלס. בריוו." 1931. ז. 105).

„גרונט־באגריפן פון דער געשיכטע פון קונסט", וואָס איז דערשינען אין רוסיש אין 1930 יאָר:

„אין פראגעס פון אינהאלט פון קונסט איז דער מארקסיזם שוין געווען באַוואָפנט: קלאַסישע ארבעטן וועגן די דאָזיקע פראגעס בא פלעכאנאָוון, מערינגן, איינצלנע האנאָכעס בא מארקסן און ענגעלסן, לענינען (אונטערגעשטראָכן פון אונדז. — ש. ב.), ניט רײדנדיק שוין וועגן א גאנצער רײ ארבעטן פון הײַנטצײַטיקע מארקסיסטן, וואָס פארנעמען זיך מיט קונסט־קענטעניש"[1].

ווי עס איז דאָ קלאָר צו זען, האלט נאָך ר. פעלשע אין 1930 יאָר, אז מארקס, ענגעלס, לענין האָבן אונדז איבערגעלאָזט נאָר איינצלנע האנאָכעס איבער פראגעס פון קונסט. ניט ווייניקער טשיקאווע קלינגט די באהויפטונג פון ל. יא. זיוועלטשינסקאיא, מיט וועלכער זי הייבט אָן דאָס ערשטע קאַפיטל פון א פאָפולערער ארבעט וועגן געשטאלטלעכער קונסט, וואָס איז דערשינען אין 1931:

„דער גרונטלייגער פון דער מארקסיסטישער מעטאָדאָלאָגיע אין קונסט־קענטעניש איז פלעכאנאָוו"[2].

דאָס איז אבסאָליוט א פאלשער צוזאגג, וואָס דארף שארף באקעמפט ווערן. די גרונטלייגער פון דער מארקסיסטישער מעטאָדאָלאָגיע אין קונסט־קענטעניש זײַנען געווען מארקס און ענגעלס. היסטאָריש איז דאָס אזוי. דאָס הייסט ניט, פארשטייט זיך, אז פלעכאנאָוו האָט ניט געגעבן קיין וויכטיקע ארבעטן אין געביט פון פילאָסאָפיע פון קונסט. מע דארף אָבער קיינמאָל ניט פארגעסן, אז די דאָזיקע ארבעטן פלעכאנאָווס זײַנען ווײַט ניט פרײַ פון די פעלערן, וואָס זײַנען געווען כאראַקטעריסטיש פאר פלעכאנאָוון, אין פארבינדונג מיט די אָפּאָרטוניסטישע פאָזיציעס, וואָס ער האָט פארנומען אין דער ארבעטער־באוועגונג. מאכן פלעכאנאָוון פאר דעם גרונטלייגער פון דער מארקסיסטישער קונסט־וויסנשאפט, האלטן, אז ער האָט געגעבן קלאַסישע ארבעטן אין דעם דאָזיקן געביט און אז מארקס, ענגעלס, לענין האָבן אין דעם דאָזיקן געביט איבערגעלאָזט בלויז איינצלנע האנאָכעס, איז פאלש, שעדלעך און דעזאָריענטירנדיק.

---

[1]) Генрих Вельфлин. „Основные понятия истории искусств". 1930.
זע ר. פעלשעס ארײַנפיר־ארטיקל ז. VIII—IX.

[2]) Л. Я. Зивельчинская. „Беседы об изобразительном искусстве". стр. 7. 1931 г.

באלזאק

I

די באלזאק־פּראָבלעם האָט זייער א גרויסן אינטערעס פאר דער מארק־סיסטישער ליטעראטור־פאָרשונג. באם פאנאנדערארבעטן די באלזאק־פּראָבלעם איז, ערשטנס, זייער באלערעוודיק דאָס אויסקלאָרן באלזאקס גורל אין דער פראנצויזישער בורזשואזער קריטיק. דאָס וועט פאר אונדז אנטפּלעקן גאָר א וויכטיק בלעטל אין דער געשיכטע פון קלאסנקאמף אין פראנקרייך. מיר וועלן זען, ווי די בורזשואזע קריטיק האָט אומגעהייער פאלש אויסגעטייטשט באלזאקן, ווי זי האָט זיך געפרוווט אים מאכן צונישט פאר זיין געוואגטער, ביטערער קריטיק פון דער פראנצויזישער געזעלשאפט פון זיין צייט. צווייטנס, איז נייטיק צו אנאליזירן באלזאקס שעפערישן מעטאָד, די מעכטיקע געניאלע קראפט, וואָס ער האָט אלס קינסטלער, אָדער, ווי ער האָט זיך אליין אָנגע־רופן, אלס „דאָקטער פון סאָציאלע וויסנשאפטן", ארויסגעוויזן אינעם שילדערן די סאָציאלע פארהעלטענישן פון זיין צייט. דער דאָזיקער מאָמענט מאכט פאר אונדז ביז גאָר אקטועל די באלזאק־פּראָבלעם.

באלזאק איז געווען דער פּראָדוקטיווסטער שרייבער אין דער וועלט־ליטע־ראטור. ליטעראַרישע אויפגאבעס האָט זיך באלזאק ווירקלעך געשטעלט ריזיקע. לויט זיין גיגאנטישן פּלאן האָט „די מענטשלעכע קאָמעדיע" געדארפט באש־טיין פון 143 ווערק. עמעס, ער האָט ניט אלע אָנגעמערקטע ווערק אָנגע־שריבן. „די מענטשלעכע קאָמעדיע" באשטייט נאָר פון 92 ווערק. אָבער אויך דאָס איז מעגלעך געווען בלויז אדאנק דעם, וואָס באלזאק האָט קימאט ניט געלעבט, ער האָט נאָר געשאפן, אויב עס זאָל זיין דערלויבט אזוי זיך אויס־צודריקן. באלזאק איז לויט זיין ריזיקער פּראָדוקטיווקייט, וועלכע ווייסט ניט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראטור, געווען אן עמעסע שעפערישע „פּעריפּאטעטישע אָנצינדונג", ווי עס דריקט זיך ערגעץ אויס דזשעק לאָנדאָן.

דאָס פעלד פון באלזאקס אלוייטיקער טעמאטיק איז זיין צייטאלטער, ווי ער האָט זיך אויסגעפורעמט נאָך דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע

מע קאָן ניט האָבן קיין פול בילד פון די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן און פונעם געזעלשאפטלעכן באוווסטזיין אין פראנקרייך אין דער ערשטער העלפט XIX י. ה., ניט האָבנדיק דורכגעשטודירט באלזאקס ווערק. באלזאק האָט אונדז געגעבן א קינסטלעריש־דאָקומענטירטע געשיכטע פון דער פראנ־

צוויזישער געזעלשאפט פון זײַן צײַט, און אין דעם פראט קאָן קיין איין קינסטלער פון זײַן צײַט מיט אים ניט קאָנקורירן.

פרידריך ענגעלס שרײַבט אין 1888 יאָר צו מיס הארקנעס וועגן באלזאקן: „באלזאק, וועמען איך האלט פאר אסאך א גרעסערן קינסטלער־רעאליסט, איידער אלע זאָליאס פון דער פארגאנגענהײַט, קעגנווארט און צוקונפט, גיט אונדז אין זײַן „מענטשלעכע קאָמעדיע" די מערקווירדיקסטע רעאליסטישע געשיכטע פון דער פראנצויזישער „געזעלשאפט", באשרײַבנדיק אין א כראָניק־פאָרם יאָר נאָך יאָר, פון 1816 ביז 1848, די זיטן, דעם אלץ שטארקער ווערנדיקן דרוק פון דער זיך אופהייבנדיקער בורזשואזיע אף דער אדל־געזעלשאפט, וועלכע איז געקומען צו זיך נאָך דעם 1816 יאָר און האָט ווידער, אף וויפל ס'איז געווען מעגלעך (tant bien que mal), אופגעשטעלט די פאָנ פון דער אלטער פראנצויזישער פאָליטיק. ער באשרײַבט, ווי די לעצטע רעשטלעך פון דער דאָזיקער פאר אים מוסטערהאפטיקער געזעלשאפט זײַנען בעהאדראָגעדיק אומגעקומען אונטערן דראנג פון דעם וואולגארן געלט־פארוועניו אָדער זײַנען דורך אים פארדאָרבן געוואָרן; ווי די grande dame, וואָס איר פאראט בענעגייע צום פאמיליען־לעבן איז געווען נאָר א מיטל זיך צו פארטיידיקן, א מיטל, וואָס האָט פולשטענדיק אנטשפראָכן צו דער לאגע, וועלכע איז פאר איר געשאפן געוואָרן אין דער הייראט, האָט אָפגעטראָטן איר אָרט דער בורזשואזער פרוי, וועלכע דערווערבט א מאן צוליב געלט און צוליב קליידער; ארום דעם דאָזיקן צענטראלן בילד גרופירט ער די גאנצע געשיכטע פון דער פראנצויזישער געזעלשאפט, פון דעם דאָזיקן בילד בין איך געווירע געוואָרן אפילע אין זינען פון עקאָנאָמישע דעטאלן מער (צ. ב. „די איבערפארטיילונג פון דעם רעאלן (real) און פערזענלעכן אייגנטום נאָך דער רעוואָלוציע), איידער פון די ביכער פון די אלע פראָפעסיאָנעלע היסטאָריקער, עקאָנאָמיסטן, סטאטיסטיקער פון דעם דאָזיקן פעריאָד, אינײנעם גענומען".

קיינער פון דער גרויסער צאָל פראנצויזישע שרײַבער פון יענער צײַט איז אין פראט פון קינסטלערישער טיפקײַט ניט געשטאנען אף דער הייך, אף וועלכער עס האָט זיך געפונען דער אומדערמידלעכער ראָמאניסט באלזאק. אפילע דער פארשפעטיקטער „יאקאָבינער" און האלב־ראָמאנטיקער סטענדאל קאָן ניט פרעטענדירן אף דעם אויבנאָן אין דער פראנצויזישער ליטעראטור, אף דעם אויבנאָן, וואָס געהערט אָן שום סאָפעק באלזאקן.

באלזאק דער קינסטלער—דאָקומענטאטער פון זײַן צײַט איז אָבער געבליבן א פרעמדער אין פראנקרײַך. די טאָנגעבנדיקע קריטיק פון זײַן צײַט האָט באטראכט באלזאקן אלס מאָנסטריעזע ליטעראַרישע אנאָמאליע, זי האָט זיך באצויגן צו אים פײַנטלעך, ווײַל אף די טויזנטער זײַטן פון זײַנע ווערק האָט ער געגעבן א רעאל און שארף בילד פון דיווירקלעכע קלאסן־פארהעלטענישן און קלאסן־איבערוקן פון זײַן צײַט. אין דעם זינען איז זײַן

גוירל ענלעכ צום גוירל פונ סטענדאלנ, וועלכער האָט זיכ זעלבסט אָסטראַ-קירט קיינ איטאליע אונ געמאכט איטאליע פאַר זיינ צווייט פאָטערלאנד.

עס וועט זיינ, מיינענ מיר, פאַר אונדזער מארקסיסטישער ליטעראַטור-ווּיסנשאפט ניט אָנ אינטערעס די אָפּשאצונג, וואָס באלזאק האָט באקומענ פונ דער קריטיק פונ זיינ צייט.

אינ 1841 איז ארויס א באנד קריטיק אונטערנ נאָמענ „די מאָדערנע שרייבער פונ פראנקרייכ“ („Les écrivains modernes de la France“) פונעמ קרי-טיקער שאָד-זעג (Chaudes-Aigues). דער קריטיקער שאָד-זעג איז זייער אָנ-געטראָגנ אפּ באלזאקנ; ער באשולדיקט באלזאקנ, אז ער איז ניט אָריגינעל. באלזאק, מיינט שאָד-זעג, מאכט נאָכ מאָליערנ, סענ-בעוונ, האָפמאנענ, מאטור-רענענ. עמעס, — וויל זיינ איגגאנצנ אָרנטלעכ שאָד-זעג, — באלזאק מאכט זיי נאָכ מיט א גאנצ פלינקער האנט. ניט דאָס איז אָבער דער איקער. שאָד-זעג איז מוירעדיק אופגערעגט פונ דעמ, וויאַזוי באלזאק שילדערט פראנקרייכ. דאָ גייט דער קריטיקער שאָד-זעג מאמעש ארויס פונ די קיילימ. נאָר לאָמיר זענ, וואָס ער שרייבט:

„איינע פונ די פרעטענזיעס פונ דעמ הער באלזאק, צו וועלכער מיר וועלנ זיינ אומבעראכמאָנעסדיק, — שרייבט ער ארויס, — אונ דאָס אנטפלעקט בוילעט דער אלגעמיינער טיטל פונ זיינע ווערק, איז צו דערקענענ טיפ די זיטנ פונעמ יאָרהונדערט אונ צו שילדערנ זיי מיט שטארקנ עמעס. וואָסערע זיי-נענ אָבער, אלזאָ, די זיטנ, וועלכע עס שילדערט דער הער באלזאק? דאָס זיינענ זיטנ נידעריקע אונ עקלדיקע, וואָס האָבנ אלס די איינציקע טרייב-קראפט א שמוציקנ אונ זשעדנעמ אינטערעס. אויב מע זאָל גלייבנ דעמ פאלשנ היסטאָריקער-פילאָסאָפ, זיינענ געלט אונ זינד די איינציקע מיטלענ אונ צילנ פאַר דעמ מענטשנ פונ אונדזער צייט. אומנאָרמאלע ליידנשאפטו, פארדאָר-בענער געשמאק, שענדלעכע נייגונגענ — נאָר דאָס אויסשליסלעכ באלעבט פראנקרייכ פונ דעמ XIX י. ה. — די דאָזיקע טאָכטער פונ זשאנ-זשאקנ אונ נאפּאָלעאָנענ! עס איז ניטאָ קיינ שומ ערנ-געפיל, עס איז ניטאָ קיינ שומ ערלעכע אידייע, אינ וואָס פאַר א זייט מע זאָל ניט ווארפנ דעמ בליק. פראנקרייכ — דאָס איז דער פאָרטרעט פונ פראנקרייכ, וואָס דער אווטער לייגט אונדז פאָר, — איז באפעלקערט מיט זשוליקעס, וואָס טראָגנ גאלונעס, מיט באנדיטנ, וואָס פארשטעלנ זיכ מער אָדער ווייניקער מיט א מאסקע, מיט פרויענ, וואָס דערגייענ ביז די לעצטע גרענעצנ פונ פארדאָרבנקייט, אָדער וואָס זיינענ אפּנ וועג צו ווערנ פארדאָרבנ; א נייער סדאָמ, וועמעס אומגע-רעכטיקייטנ רופּנ דאָס פייער פונעמ הימל. מע קאָנ זאָגנ, אז די טורמעס, די הורנ-הייזער אונ געפענקעניש-הייזער זיינענ ערטער פונ טוגנט, ערלעכקייט אונ אומשולד אינ פארגלייכ מיט די ציוויליזירטע שטעט פינ דעמ הער באלזאקנ“ [1].

[1] זע: Emil Zola „Le roman expérimental“, Paris 1893

זאָליא, וועלכער האָט געבראַכט די דאָזיקע און ענלעכע שטעלנ פון שאָד־זעג, איז געוואָרנ אופגעבראכט פון שאָד־זעגס קריטיק פון באַלזאקס ווערק און האָט דעם קריטיקער אָנגערופנ אידיאָט. שאָד־זעג האָט געזוכט די שולד פארנ נעגאטיוונ בילד, וואָס דער גרויסער ראָמאניסט האָט געגעבנ פונ דער פראנ־צויזישער געזעלשאפט פונ זיינ צייט, אינ באלזאקנ גופע. שולדיק איז אָבער געווענ ניט דעם קינסטלערס קאָפּיע, נאָר דער לעבעדיקער אָריגינאל — די ווירקלעכקייט גופע. און מיט דעם איז טאקע גרויס באלזאק אלס א רעאליס־טישער קינסטלער, וואָס ער האָט אינ דעם אָריגינאל ניט געפעלשט.

אגעוו, דארפ מענ נאָכ צוגעבנ, אז דער קריטיקער שאָד־זעג האָט ניט דער־זענ די פּאָזיטיווע געשטאלטנ, די געשטאלטנ פונ די רעפּובליקאנער, וואָס דער גרויסער ראָמאניסט באלזאק האָט אָנגעצייכנט. דאָס איז פארבייגייענדיק. איינ זאכ איז אָבער קלאָר, אז די סיבע, פארוואָס די קריטיק איז געווענ אזוי פיינ־טלעכ געשטימט צו באלזאקנ, ליגט אינ דעם, וואָס צו בוילעט האָט דער גע־ניאלער ראָמאניסט אופגעדעקט די פאקטישע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ פונ זיינ צייט.

אינ אנ ארטיקל, וואָס איז געווענ געדרוקט אינ „רעוויו דע פּארי" („Revue de Paris". 1839) פארנ 1839 יאָר, שרייבט דער „פּרינצ פונ די קריטיקער" („le prince des critiques") און דער באגרענעצטער ראָמאנענ־שרייבער זשול זשאנענ (1804 — 1874) וועגנ דעם אווטער פונ דער „מענטשלעכער קאָמעדיע". זשאנענ זאָגט דאָ ארויס זיינ מיינונג וועגנ איינעם פונ די באדייטנדיקסטע ווערק פונ באלזאקנ, נעמלעכ, „צעשטערטע אילוזיעס" („Les illusions perdues"): „צום גליק געהערט דאָס דאָזיקע בוכ צו די ראָמאנענ, וואָס מ'האָט ניט קיינ שום כאראָטע, אז מע לייענט זיי ניט. זיי דערשיינענ היינט, קעדיי צו פארשווינדנ אפ מאָרגנ אינ אומענדלעכער פארגעסנקייט. אינדערעמעסנ, קיינמאָל ניט, אינ קיינ שום עטאפּ פונ זיינ טאלאנט, איז דער געדאנק פונ הער באלזאק ניט געווענ מער צעשטרייט (plus diffuse), קיינמאָל ניט איז זיינ דערפינדלעכקייט ניט געווענ מער לאנגווייליק, זיינ סטיל מער אומקאָרעקט..." [1])

דאָ איז שוינ זאָליא אבסאָליוט גערעכט, ווענ ער שרייבט אויס מיט צאָרנ:

„Eh bien, prince! Je crois que c'est vous, qui avez disparu le lendemain dans un immense oubli".

(גוט, פּרינצ! איכ גלייב, אז דאָס זייט איר דער, וואָס איז אפ מאָרגנ פאר־שווונדנ אינ אומענדלעכער פארגעסנקייט [2]).

---

1) דאָרט.

2) אינעם ראָמאנ „צעשטערטע אילוזיעס" האָט באלזאק גענומענ זשול זשאנענ פאר א מאָדעל פונ דער לוסטאָ־געשטאלט. זשול זשאנענ איז א פראנצויזישער בורזשואזער שרייבער און ליטעראטור־קריטיקער, וואָס איז געווענ פּאָפּולער אינ די בורזשואזע קרייזנ. מארקס אינ זיינע בריוו צו ענגעלסנ פונ דעם 15 אפּרעל 1869 יאָר, אינ וועלכנ ער רעדט וועגנ דירראָס „פלעמעניק ראמאָ", גיט זשול זשאנענ די פאָלגנדיקע טויטשלאָגנדיקע כאראקטעריסטיק: „אמוזאנטער פונ העגעלס קאָמענטאר איז דער קאָמענטאר פונ דעם הער זשול זשאנענ, וואָס אויסצוגנ פונ אים

מע דארפ דאָ נאָר צוגעבנ, אז די סיבע פונ זײַנ גאנצנ צאָרנ אפ באַלזאקס ווערק דעקט זשול־זשאנענ אלײנ אופ. באלזאק שילדערט אינ די „צעשטערטע אילוזיעס״ די הינטערקוליסנ פונ דער פּרעסע פונ יענער צײַט אינ פראנקרײַכ. די לוסטאָס אונ זײערע באַלעבאַטימ ווערנ מײַסטערהאפטיק ארויסגעבראכט אינ דעמ דאָזיקנ ווערק. באלזאק ווײַזט דעמ „אונטערערדישנ אפּאראט״ פונ דער פּרעסע, איר שענדלעכע פּארקויפטקײַט. דעמ הער זשאנענ האָט עס אָנגערירט ביזנ מארכ פונ די בײנער, אונ ער רופט פּאטעטיש אויס:

„Cela est triste de voir sa noble et chere profession attaquée... par un livre sans style, sans mérite et sans talent“.

(„עס איז טרויעריק צו זענ אײנעמס נאָבעלע אונ טײַערע פּראָפעסיע אטאקירט... דורכ א בוכ אָנ סטיל, אָנ ווערדע אונ אָנ טאלאנט״).

שוקינג אינ זײַנ „סאָציאָלאָגיע פונ געשמאק״ האָט זיכ קײנמאָל ניט פאָרגעשטעלט, ווו עס ליגנ ווירקלעכ די טרײַב־קויכעס פונ געשמאק ביכלאל אונ פונ זײַנ עוואָליוציע ביפראט. נאָר דאָס גײט איצט ניט ארײַנ אינ אונדזער אופגאבע. וויכטיק איז דאָ נאָר צו קאָנסטאטירנ, אז די פײַנטלעכע באציִונג צו באלזאקנ האָט געשטאמט דערפונ, וואָס באלזאק האָט אראָפגעריסנ אלע אונ קאָלערלײ מאסקעס פונ דער בורזשואזער געלט־זשעדנעקײַט, פונ דער בורזשואזער פאמיליע אונ ביכלאל פונ אלע ווינקעלעכ פונעמ בורזשואזנ לעבנ, וווּהינ נאָר זײַנ קינסטלעריש־אנאליטיש אויג איז ארײַנגעדרונגענ. ער האָט דערבײַ ניט געשאנעוועט אויכ זײַנע אריסטאָקראטנ, איבער וועלכע ער האָט איראָניזירט, שאפנדיק די „אומופהערלעכע עלעגיע״ פונ זײער אומפארמײַדלעכנ אונטערגאנג. ער האָט אראָפּגעריסנ די פאָרהאנגענ פונ דער בורזשואזער וועלט, אונ דאָס האָט פארשטענדלעכ געמוזט ארויסרופנ א פארביטערטע באציִונג צומ גרויסנ ראָמאניסט.

דער קריטיקער סענבעוו שליסט זיכ אויכ אײַנ אינ דער קאמפאניע, וואָס איז געפירט געוואָרנ קעגנ באלזאקנ. ער איראָניזירט איבער אימ, ער שטעלט דעמ ראָמאניסט עזשענ פיל העכער פונ באלזאקנ[1]. אָט אזוי איז דער גרויסער ראָמאניסט באלזאק אופגענומענ געוואָרנ פאר דער ליטעראטור־קריטיק פונ זײַנ צײַט.

ניט פיל בעסער איז אויכ געווענ דער גורל פונעמ גרויסנ באלזאק מיט יאָרנ שפּעטער. דער געשווירענער בורזשואזער פּראָפעסער פונ פראנצויזישער

ווערסטו געפינענ צומ סאָפ פונעמ באנד. דערדאָזיקער cardinal de la mer (יאמ־קארדינאל) געפינט ניט אינ דידראָס „ראמאָ״ קײנ זײַלנ פונ זיטלעכקײַט, אונ קעדײ עס צו פאריכטנ, מאכט ער אנ אנטדעקונג, אז די גאנצע אויסגעלאסנקײַט פונ ראמאָ נעמט זיכ דערפונ, וואָס ער איז ניט פונ קײנ אדלשער אָפּשטאמונג. אונ ער איז פונ דעמ שטארק באצארט... פונ דידראָ צו זשול־זשאנענ. דאָס איז פונקט דאָס, וואָס די פיזיאָלאָגנ רופנ אָנ רעגרעסיווע מעטאמאָרפאָזע. דער פראנצויזישער גײַסט ביז דער רעוואָליוציע אונ אינ דער צײַט פונ לוי־פיליפנ!״ (אדאָראטסקי, מארקס אונ ענגעלס בריוו. ז. 237 1931).

[1]) E. Zola. „Le roman expréimental„ p. 318.

ליטעראטור אין „עקאָל נאָרמאל", אין פאריזש, ג. לאנסאָן, אנערקענענדיק, אז בא באלזאקן טרעפן זיך אויך גרויסע קינסטלערישע ווערק, רוקט ארויס קעגן אים אזעלכע טײַנעס:

„פריִער פון אלץ פעלט אים שפראך. פון אָט דעם שטאנדפונקט איז ער לאכלוטן ניט קיין קינסטלער. ווי נאָר ער הייבט זיך אָן צו סטאַרען, ווערט ער עקלדיק און לעכערלעך, אויסגיסנדיק זיך אין פײַערלעכער פראזעאָלאָגיע, וועלכע ער באפוצט מיט מעליצעדיקע און באנאלע מעטאפאָרן. דאָס מאכט פאר אים אומעגלעך דעליקאטע באמערקונגען, פאָעטישע געפילן, א טיפן אנאליז פון צארטע לײַדנשאפטן, א היספּײַלעכדיקע באציִונג צו א אידעאל... זײַנע פייזאזשן דערמאָנען אין א טרוקענער פארצייכענונג פון עפּעס אן אינווענטאר פון א האנטווערקער, וואָס ווענדט צו אלץ אָן זײַן מאָס; פעלדער און וועלדער רופן אין אים ארויס פונקט אזא געפיל, ווי זיי וואָלטן דערוועקט בא יעדן וואנדערנדיקן מעשאָרעס... באלזאק איז ראָמאנטיש אין שלעכטן זינען פון וואָרט... באלזאק מיט זײַן האמעטנער און וולגארער געניאלקײַט איז ניט פייִק צו שילדערן כאראקטערס און זיטן, וואָס פאָדערן א דעליקאטע ארומשלײַפונג. זײַן אריסטאָקראטיע פון דער רעסטאווראציע־צײַט, זײַנע דאמען פון דער הויכער געזעלשאפט, די מאיעסטעטישע אלמאָנעס און די לײַכטע קאָקעטקעס זענען אויס צו זײַן פארדעכטיקע, האגאם מיר קענען ניט זייערע אָריגינאלן. זיי האָבן דעם אויסזען פון וואנדערנדיקע אקטריסעס, וואָס שפּילן די ראָליע פון הערצאָגינעס אין א יאריד־באלאגאן... ביכלאל, טוגנט, פונקט ווי גראציע, גיט זיך ניט אײַן באלזאקן, זײַן געניאלקײַט הייבט זיך אָן דאָרט, ווו ער באשרײַבט וואלגארקײַט און זינד.

מיר האָבן אזויארום באשטימט די גרענעצן פון אונדזער ראָמאניסט. אין זײַן געביט קאָן זיך קיין זאך מיט אים ניט פארגלײַכן: און זײַן געביט—דאָס איז די שילדערונג פון אלגעמיינע כאראקטערס פון דער בורזשואזער און פאָלקסבוויווע. ער פארמאָגט א זעלטן־סינטעטישע אײַנבילדונג־קראפט. קיינער קאָן ניט אזוי שילדערן א פערזאָן ווי ער; ער גיט איר גלײַך דאָס פולסטע לעבן, אדאנק דער קלאָרקײַט, מיט וועלכער ער שטעלט זי זיך פאָר, און אדאנק דער איבערצײַגעוודיקײַט פון זײַן שילדערן. ער מאכט, פארשטייט זיך, דערבײַ ניט קיין טיפן פסיכאָלאָגישן אנאליז; ער לאָזט זיך ניט ארײַן אין די דעטאלן פון דער אינערלעכער טעטיקײַט, וואָס קומט פאָר אין דער נעשאָמע פון דער האנדלענדיקער פערזאָן; ער פּרוּווט ניט אָפּצוּוויעגן באזונדער אלע עלעמענטן, פון וועלכע עס בילדעט זיך אויס דער ווילן אָדער דער פארלאנג פונעם סוביעקט, וואָס ווערט באשריבן"[1]).

ביז גאָר אינטערעסאנט איז דער סאכאקל, וואָס דער בורזשואזער פראָפעסער פון „עקאָל נאָרמאל" מאכט אין זײַן אָפּשאצונג פון באלזאקן צום סאָף פון זײַן באלזאק־אָפּהאנדלונג. „עס איז לײַכט צו זען, פארוואָס באלזאק האָט

[1]) Г. Лансон. „История французской литературы" 1897. стр. 144, 145, 146.

געקאָנט באַקומענ א שעמ ווי דער פּאָטער פונעמ מאָדערנעמ רעאליזמ. ער איז געווענ אַנ אומגעצוימטער ראָמאַנטיקער; נאָר אזויווי אימ האָט געפעלט א קינסטלערישער כוש, פּאָעטישע געניאלקייט אונ שפּראַכ, זיינענ זיינע ראָמאַנענ אונ סצענעס, וואָס זיינענ דורכגעדרונגענ מיט ראָמאַנטישער באַגייסטערונג, געוואָרנ בא היינטיקנ טאָג טויטע טיילנ, מאַכמעס זיי זיינענ שטענדיק געווענ ניט קיינ געלונגענע" [1]).

אַלזאָ, לויטנ בורזשואזנ פּראָפעסער לאַנסאָנ איז באַלזאַק א ראָמאַנטיקער, וואָס האָט פאַרמאָגט „א האַרעטנע, וולגארע געניאלקייט", אָבער אימ האָט געפעלט „א קינסטלערישער כוש", „פּאָעטישע געניאלקייט אונ שפּראַכ", ער איז ניט געווענ פייִק צו געבנ קיינ „טיפנ פּסיכאָלאָגישנ אַנאַליז" פונ זיינע געשטאַלטנ, אונ דעריבער האַלט לאַנסאָנ פאַר גאַנצ נאַטירלעכ, וואָס זיינע ראָמאַנענ זיינענ אינ דער איצטיקער צייט „טויטע טיילג". יאָ, די בורזשואזע ליטעראַטור־וויסנשאַפט האָט ניט געקאָנט מויכל זיינ באַלזאַקנ פאַר זיינ „מענטשלעכער קאָמעדיע". צו אופּטרייסלענדיק איז די קריטיק פונ דער בורזשואזער געזעלשאַפט, וואָס ווערט דאָרט געגעבנ, צו שאַרפ איז די סאַטירע איבער די בורזשואזע זיטנ פונ זיינ צייט, צו אַנטבלויזט זיינענ די פּאַקטישע בורזשואזע פאַרהעלטענישנ — איז ווי קאָנענ די „דיפּלאָמירטע לאַקייענ" פונ דער בורזשואזער וויסנשאַפט אימ דאָס מויכל זיינ!

אַסאַכ פּאָזיטיווער שאַצט אָפּ באַלזאַקנ געאָרג בראַנדעס — אָט דער אייגנאַרטיקער טאַלאַנטפולער עקלעקטיקער אינ דער בורזשואזער ליטעראַטור־וויסנשאַפט, וואָס האָט אַראַנק די סאָציאַל־פּאָליטישע פאַרהעלטענישנ פונ זיינ לאַנד (דענעמאַרק) געקאָנט פאַרנעמענ א מער ראַדיקאַלע פּאָזיציע אינ דער קריטיק. נאָר אפילע בראַנדעס שפּינט ווייטער די „סטיל־לעגענדע" וועגנ באַלזאַקנ אונ געפינט בא באַלזאַקנ די פּאָלגנדיקע כעסרוינעס: „די כעסרוינעס אינ פּראָזע פונ פּאָרמ האָבנ זיכ בא באַלזאַקנ פאַרייניקט מיט א גרויסער אָרעמקייט בענעגייע דעמ ריינ־אידייִשנ אינהאַלט" [2]). דער בורזשואזער ראַדיקאַל אונ עקלעקטיקער בראַנדעס איז אויכ ניט צופרידנ (האַגאַמ ער זאָגט עס ניט אַרויס אָפנ), וואָס באַלזאַק איז געווענ אזוי מאַטעריאַליסטיש אינ דער קונסט. וועגנ בראַנדעס וואָלט געווענ אָפנהערציק אונ וואָלט שטענדיק געוווסט, וואָס ער וויל, וואָלט ער געפאָדערט בא באַלזאַקנ ניט אידייִשקייט, וואָס האָט ווירקלעכ קיינמאָל ניט געפעלט אינ באַלזאַקס ווערק, נאָר אידעאַליזמ אינ פילאָסאָפישנ זינענ פונ וואָרט.

אונ דאָס האָט טאַקע ווירקלעכ געפעלט בא באַלזאַקנ, האַגאַמ באַלזאַק איז געווענ א לעגיטימיסט.

אינ דער צווייטער העלפט פונ XIX י. ה. האָט דער קליינבירגערלעכער ראַדיקאַל עמיל זאָליא געוואָלט אופהייבנ דעמ באַטייט פונעמ גרויסנ רעאַליסט

---

[1]) ז. 149.

[2]) Г. Брандес.· Собр. соч. т. X. стр. 100. С. Петербург. „Просвещение"

באלזאק, פונקט ווי פראנצ מערינג האָט דאָס געטאָנ בענעגייע צו לעסינגנ׳ ווענ די דײַטשישע בורזשואזיע האָט אימ אָנגעהויבנ צו טרעטירנ ווי א „געפייגערטנ הונט״, אָדער ווי דער פאָרשטייער פונ דער אריסטאָקראטישער קינסטלערישער באָהעמע טשעסטערטאָנ האָט עס געטאָנ, אפ זײַנ אופנ, בענעגייע צו טשארלז דיקענס אינ ענגלאנד. זאָליא האָט אָבער זײַנ ארבעט אונטערגענומענ פונ קליינבירגערלעכע ראדיקאלע פאָזיציעס און אויכ אינ א צײַט, ווענ די בורזשואזע ליטעראטור איז שוינ געווענ ארײַנגעטראָטנ אינ איר דעקאדענצפעריאָד. ס׳איז דעריבער נישט קיינ ווונדער, וואָס זײַנע פרווונ האָבנ זיכ אויסגעצייכנט מיט א האלבקײַט און זײַנענ ניט געקרוינט געוואָרנ מיט דערפאָלג.

די איינציקע, וואָס האָבנ פאר דער ליטעראטור־וויסנשאפט אנטפּלעקט דעמ עמעסנ מעהוס, דעמווירקלעכנ באטײַט פונעמ ריזיקנ פראנצויזישנ ראָמאניסט באלזאק, זײַנענ געווענ קארל מארקס און פרידריכ ענגעלס.

איינע פונ די וויכטיקסטע פראגעס, וואָס מיר מוזנ אויסקלאָרנ, איז די פראגע וועגנ די קלאסנ־פּאָזיציעס, אפ וועלכע ס׳איז געשטאנענ באלזאק. אָנ דער אויסקלאָרונג פונ דער דאָזיקער פראגע וועלנ מיר ניט קאָנענ פארשטיינ דעמ מעהוס פונ זײַנ רעאליזמ, פונ דעמ קינסטלעריש־שעפערישנ מעטאָד, מיט וועלכנ באלזאק האָט אנטבלויזט די סאָציאַל־פּאָליטישע פארהעלטענישנ פונ דער פראנצויזישער געזעלשאפט פונ זײַנ צײַט.

באלזאק, ווי עס איז באוווסט, איז געקומענ אפנ פּאָנ פונ די נײַע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ, וואָס זײַנענ געשאפנ געוואָרנ דורכ דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע, וועלכע האָט פארניכטעט דעמ פעאָדאליזמ אינ פראנקרײַכ און שטארק א רייניק געטאָנ די אוגייִשע שטאלנ פונעמ פעאָדאליזמ אינ א ריי אנדערע לענדער.

דער פעאָדאליזמ איז געלעגנ צעשמעטערט. דער „דריטער שטאנד״, דאָס הייסט די בורזשואזיע, „איז געוואָרנ אלצ״. אויכ די אָנגעקומענע רעסטאווראציע איז ניט געווענ אימשטאנד צוריק אופצושטעלנ די פעאָדאלע פארהעלטענישנ, ניט געקוקט דערופ, וואָס עס זײַנענ געמאכט געוואָרנ צונישט די פּאָליטישע דעראָבערונגענ פונ דער רעוואָליוציע.

„די רעסטאווראציע פונ די בורבאָנענ, — זאָגט ג. לוקינ אינ זײַנ „נײַסטע געשיכטע פונ מײַרעוו־אייראָפּע״, — האָט פונדעסטוועגנ ניט באטײַט קיינ פולנ צוריקער פונ דער אלטער אָרדענונג: די פּאָליטישע דעראָבערונגענ פונ דער רעוואָליוציע זײַנענ געמאכט געוואָרנ צונישט דורכ דער מעלוכעאיבערקערעניש פונ 18־טנ ברומער; די סאָציאַלע דערגרייכונגענ זײַנענ אָבער געווענ אפ אזויפיל פעסט, אז עס האָבנ זיי ניט געקאָנט אָפּשאפנ די אלטע געזעלשאפטלעכע קויכעס, אפילע אָנשפארנדיק זיכ אפ אויסלענדישע באגנעטנ. די זיכ־אומקערנדיקע בורבאָנענ זײַנענ געווענ געצווונגענ שאָלעמ צו מאכנ מיט די וויכטיקסטע סאָציאַלע ענדערונגענ, וואָס זײַנענ

פאָרגעקומענ פונ 1792 יאָר אָנ: צו פארהיטנ די גלייַכהייַט פונ די בירגער, צו גאראנטירנ די נייַע אייגנטימערס דעמ אומשטרייַטבארנ באזיצ פונ געוועזענעמ נאציאָנאלנ אייגנטום, אָנצוהעמענ דעמ נאפּאָלעאָנישנ קאָדעקס א.אז.וו. די בורבאָנענ איז אויסגעקומענ צו פארהיטנ אויכ דעמ צענטראליזירטנ אונ אדמיניסטראטיוונ אפּאראט, וואָס נאפּאָלעאָנ האָט געשאפנ: די גאנצע פּראָווינציעלע אדמיניסטראציע איז געבליבנ אפ די ערטער".

אינ אָנהייב פונ דער רעסטאווראציע־צייַט קומט באלזאק אינ פאריזש, אינ דער הארצ־שטאָט פונ פראנקרייַכ, צו טונ פאר איר אינ דער ליטעראטור דאָס זעלביקע, וואָס רעמבראנדט האָט געטאָנ אינ דער מאָלערייַ פאר אמסטערדאמ, נעמלעכ, צו פארייביקנ זי. זייַנ היימלאנד, די פּראָווינצ טורענ, „פראנקרייַכס גאָרטנ" אונ היימ־אָרט פונ ראבלע, האָט דעמ יונגנ ענערגישנ באלזאק ארויסגעלאָזט אנ אטלעטיש שטארקנ מיט א ריזיקער פאָרשטעלונג־קראפט, וואָס וועט מיט יאָרנ שפּעטער קאָנענ „אויסטראָגנ א גאנצע געזעלשאפט אינ קאָפ".

אינ זייַנ ראָמאנ „צעשטערטע אילוזיעס" קאָנ מענ געפינענ אסאכ אווטאָביאָגראפישנ מאטעריאל, וואָס ווארפט א שייַנ אפ זייַנע ערשטע יאָרנ אינ פאריזש.

וואָסערע־זשע זייַנענ די קלאסנ־פּאָזיציעס, אפ וועלכע עס איז געשטאנענ באלזאק בייס די פּעאָדאלע רעשטלעכ האָבנ געמאכט זייערע קאָנוואולסיווע אָנשטרענגונגענ צוריק אופצושטעלנ די אלטע אָרדענונג? פרידריכ ענגעלס גיט אונדז וועגנ דעמ א גענויע אָנווייַזונג אינ דעמ אויבנדערמאנטנ בריוו צו מיס הארקנעס.

ענגעלס שרייַבט:

„עמעס, פּאָליטיש איז באלזאק געווענ א לעגיטימיסט. זייַנ גרויס ווערק איז אנ אומופהערלעכע עלעגיע איבער דער צעפאלונג פונ דער העכערער געזעלשאפט, וואָס איז שוינ געווענ א פארפאלענע זאכ. זייַנע סימפּאטיעס זייַנענ אפ דער זייַט פונ קלאס, וואָס איז פארמישפּעט אויסצושטארבנ. בא אלדעמ איז אָבער זייַנ סאטירע קיינמאָל ניט געווענ מער שארפ, זייַנ איראָניע מער ביטער, איידער דאנ, ווענ ער צווינגט זייַנ טעטיק אריסטאָקראטנ, מענער אונ פרויענ, ווענענ ער סימפּאטיזירט טיפ. די איינציקע מענטשנ, וועגנ וועלכע ער רעדט מיט א ניט־באהאלטענער אנטציקונג, דאָס זייַנענ זייַנע אויסגעשפּראָכענע קעגנער, די רעפּובליקאנער העלדנ Cloître Saint Merri, מענטשנ, וועלכע זייַנענ אינ יענער צייַט (1830 — 1836) ווירקלעכ געווענ די פאָרשטייער פונ די פאָלקס־מאסנ. דאָס וואָס באלזאק איז געווענ געצוווּנגענ צו גייַנ קעגנ זייַנע אייגענע קלאסנ־סימפּאטיעס אונ פּאָליטישע פאָרורטיילנ, דאָס וואָס ער האָט ג ע ז ע נ דאָס אומפארמייַדלעכע פאלנ פונ זייַנע באליבטע אריסטאָקראטנ אונ האָט זיי באשריבנ ווי מענטשנ, וואָס פארדינענ ניט קיינ בעסערנ גורל, אונ דאָס וואָס ער האָט ג ע ז ע נ די עכטע מענטשנ פונ דער צוקונפט דאָרט, ווו מע האָט זיי אינ דער צייַט נאָר געקאָנט געפינענ, דאָס האלט איכ פאר

איינעם פונ די גרעסטע ניצכוינעס פונעמ רעאליזמ, פאר איינעמ פונ די גרעסטע באזונדערקײטנ פונעמ אלטנ באלזאק" [1].

מארקס גיט אויכ באלזאקנ א הויכע אפשאצונג פאר זײנ טיפנ פארשטיינ די רעאלע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ פונ זײנ צײט. מארקס, ווי עס דערציילט אונדז לאפארג, האט זיכ אפילע געקליבנ אנצושרײבנ א ספעציעלע ארבעט וועגנ באלזאקנ. מארקס כאראקטעריזירט אזוי באלזאקנ: „...ביכלאל איז ער מערקווירדיק לויט זײנ טיפנ פארשטיינ רעאלע פארהעלטענישנ" [2].

מארקס אונ ענגעלס האבנ ביכלאל הויכ געשעצט דעמ בורזשואזנ אונ קליינבירגערלעכנ רעאליזמ פאר די דערקענטעניש-ווערטנ, וואס ער האט גע־שאפנ בענעגייע דער בורזשואזער געזעלשאפט, פאר זײנ „ארונטעררײסנ די מאסקעס" פונ אלע שיכטנ פונ דער בורזשואזיע. אט וואס מארקס שרײבט אינ אנ ארטיקל אינ „ניו־יארקער טריבונ" פארנ 1 אווגוסט 1854 וועגנ די ענגלישע רעאליסטנ פונ יענער צײט:

„די הײנטצײטיקע גלענצנדיקע שול ראמאניסטנ אינ ענגלאנד, וואס זייערע אנשוילעכע אונ עלאקווענטע באשרײבונגענ האבנ אנטפלעקט דער וועלט מער פאליטישע אונ סאציאלע עמעסנ, איידער דאס האבנ געטאנ אלע פאליטיקער, פובליציסטנ אונ מאראליסטנ אינײנעמ גענומענ, האט געשילדערט אלע שיכטנ פונ דער בורזשואזיע, אנגעהויבנ פונעמ „רעספעקטאבעלנ" ראנטיע אונ באזי־צער פונ מעלוכישע פראצענט-פאפירנ, וועלכער קוקט פונ אויבנ אראפ אפ

---

1) ענגעלס האט דא, ווײזט אויס, אינ אויג באלזאקס ראמאנ „צעשטערטע איליוזיעס", ווו באלזאק רופט זיכ זייער ווארעמ אפ וועגנ דעמ אומגעקומענעמ רעפובליקאנער מישעל קרעסטיענ פונעמ קרײז, אינ וועלכנ דע־ארטיעז האט ארײנגעצויגנ אהינ ליוסענע, דעמ הויפט-העלד פונעמ ראמאנ „צעשטערטע איליוזיעס". מיר וועלנ ברענגענ דעמ דאזיקנ גאנצנ אבזאצ פונ באלזאקס ראמאנ, ווײל, ערשטנס, איז ער זייער כאראקטעריסטיש דערמיט, וואס באלזאק נעמט דא קרעס־טיענע אינ פארבינדונג מיט נאכ צוויי מענטשנ, צו וועלכע באלזאק פילט אויכ שטארקע סימפא־טיעס, אונ, צווייטנס, אנטפלעקט דא באלזאק דעמ קרײז אינטעלעקטועלע אינטערעסנ, אינ וועלכע ער האט זיכ אלייג באוועגט. „די איבעריקע דרײ מיטגלידער, — שרײבט באלזאק, — זײנענ גע־ווענ פארמישפעט אומצוקומענ איינער נאכנ צווייטנ. דער ערשטער איז אומגעקומענ מײרא; ער איז געשטארבנ, אופהייבנדיק דעמ בארימטנ שטרײט צווישנ קיוווע מיט זשאפרוא-סענ־טיקער וועגנ דער גרויסער פראגע, וועלכע האט געהאט צעטיילט די וויסנשאפטלעכע וועלט צווישנ די שטרײטנדיקע געניעס. לוי, מײראס פרײנט, איז דורכ זײנ פריצײטיקנ טויט גיכ אוועקגערויבט געווארנ פונ דער דענקענדיקער וועלט. צו אט די צוויי מענטשנ, וועמענ דער טויט האט אויסגע־קליבנ, אונ וואס זײנענ שוינ איצט פארגעסנ, ניט געקוקט אפנ ריזיקנ מאסשטאב פונ זייער גענעט אונ וויסנ, דארפ מענ צורעכענענ מישעל קרעסטיענ, דעמ אנגעזעענעמ רעפובליקאנער, וואס האט געטרוימט וועגנ דער איבערבויונג פונ אייראפע אונ געשפילט אינ 1830 יאר א באדײטנדיקע ראליע אינ דער עטישער באוועגונג פונ די סענ-סימאניסטנ. דער דאזיקער פריילעכער פארשטייער פונ דער אינטיעלעקטועלער באהעמע אונ גרויסער מעלוכע-מענטש, וואס, קאנ זײנ, וואלט געענדערט דעמ גורל פונ דער וועלט, איז געפאלנ בא דעמ מאנאסטיר סענ-מערי, ווי א פאשעטער סאלדאט. א קויל פונ עפעס א קרעמערל האט דארט געטראפנ איינעמ פונ די נאבעלסטע באשעפענישנ וואס האט זיכ ווענ עס איז פאנאנדערגעבליט אפנ פראנצויזישנ באדנ".

2) К. Маркс. „Капитал", т. III. 1932. стр. 12.

אלע ארטן „געשעפטן", ווי אפ עפעס ווולגארס, אונ געענדיקט מיטן קליינעם קרעמערל אונ מיטן אדוואָקאט, וואָס איז גרייט צו דינסט. אונ ווי האָט זיי אויסגעמאָלט דיקענס, טעקעריי, שאַרלאָטא בראָנטע אונ מאדאם האסקעל! — פול מיט זעלבסטמיינונג, גרויסהאלטעריי, מיט קליינלעכע אכזאָריעס אונ אומוויסנקייט. אונ די ציוויליזירטע וועלט האָט באשטעטיקט זייער ווערדיקט מיט דעם שטעמפלדיקן עפיגראם, וואָס איז צוגעשפיליעט געוואָרן צו דעם דאָזיקן קלאס, אז ער איז גרייט צו דינסט בענעגייע צו די, וואָס שטייען העכער, אונ דעספאָטיש בענעגייע צו די, וואָס שטייען נידעריקער פון אים."

אין באלזאקס רעאליזם האָט מארקס באזונדערס הויך געשעצט זיין מערקווירדיקן וויסן די בורזשואזע עקאָנאָמיק. אין א בריוו צו ענגעלסן פון 14 דעקאבער 1868 שרייבט מארקס:

„אין באלזאקס „דאָרפישן גאלעכ" („Curé de village") איז אָנגעשריבן פאָלגנדיקס: „אויב דער אינדוסטריעלער פראָדוקט וואָלט ניט געהאט קיין צוויי מאָל גרעסערן ווערט, איידער דאָס, וואָס עס האָט געקאָסט דאָס צוגרייטן אים, וואָלט קיין האנדל ניט עקזיסטירט". וואָס זאָגסטו דערצו?" [1]).

אין אָט דעם היניקסט פארנעמט באלזאק דעם אויבנאָן צווישן די בורזשואזע רעאליסטן. זיינע עסטעטישע דערקענטעניש-ווערטן זיינען באדייטנדיק ווערטפולער אראנק דעם, וואָס זיי פלעכטן זיך איבער מיט א העלן ארייַנבליק אין דער צוקונפט אונ וואָס זיי אנטפלעקן מענטשן שוין דאן, ווען זייער אויספאָרמירונג געפינט זיך נאָך אין אן עמבריאָנעלן צושטאנד. דאָס מאכט, זעלבסטפארשטענדלעך, נאָך ניט באלזאקן פאר א סאָציאליסטישן רעאליסט — דאָס אין קיין פאל ניט. עס זאָגט נאָר איידעס ווענג דעם, אז דער געניאלער באלזאק האָט פארמאָגט א ריזיקן כוש פאר דער בורזשואזער קלאסן-ווירקלעכקייט.

מארקס אונ ענגעלס גיבן, אזויארום, דער מארקס-לענינישער ליטעראטור-וויסנשאפט אן אומגעהייער וויכטיקע אָנווייזונג, וויאזוי מע דארף פארשטיין דעם רעאליזם ביכלאל אונ די באזונדערקייט פון באלזאקס רעאליזם ביפראט. די גרונטלייגער פונעם מארקסיזם האָבן פאר אונדזער ליטעראטור-וויסנשאפט אָנגעצייכנט די ליניע, אפ וועלכער ס'דארף גיין די דיאלעקטישע לייזונג פון דער יערושע-פראָבלעם בענעגייע צום רעאליזם ביכלאל אונ צו באלזאקס רעאליזם ביפראט.

באלזאק, ווי מיר האָבן געזען, איז ווידערשפרעכלעך. ער איז א לעגיטימיסט. זיינע סימפאטיעס זיינען אפ דער זייט פון דער אריסטאָקראטיע; ער שרייבט אָבער וועגן די אריסטאָקראטן מיט איראָניע, ער לאכט זיי אויס. ער שילדערט אונדז דעם פאנאנדערפאל פון דער הויכער אריסטאָקראטישער געזעלשאפט. ענגעלס ווייזט אונדז אָן, וויאזוי מע דארף פארשטיין באלזאקס ווידערשפרוכן: „דאָס, וואָס ער האָט ליב געהאט אונ סימפאטיזירט, איז געווען פארמישפעט צום אונטערגיין, ער באגלייט עס מיט דעריבער מיט זיין סאטירע, הינטער וועל-

[1]) Маркс и Энгельс. Соч. т. XXIV. стр. 146.

כער עס איז פארבאהאלטן סימפאטיע. פארקערט, זײַנע קעגנער איז ער גע־צווונגען צו אנערקענען און שילדערט זיי מיט דער אכטונג, וואָס עס מוז האָבן דער עמעסער געלערנטער פארן אָנקומענדיקן געשיכטלעך־נויטווענדיקן פאקט".
און אזא געלערנטער סאָציאָלאָג־קינסטלער איז פריִער פון אלץ געווען באלזאק.

געאָרג בראנדעס פארשטייט לאכלותן ניט דעם עמעסן מעהוס פון באל־זאקן, ווען ער שרײַבט: „ער האָט ניט געקאָנט פולשטענדיק אנערקענט ווערן באם לעבן, ווײַל ער איז געווען גרויס נאָר אלס פּאָעט; אין פראנקרײַך איז מען געווינט צו קוקן אפ א פּאָעט אײנצײַטיק ווי אפ א גײַסטיקן פירער, און באלזאק איז עס קיינמאָל ניט געווען. דאָס וואָס ער האָט פארהיט ביזן סאָף פון זײַן לעבן, דאָס ניט־געניגנדיקע פארשטיין די רעליגיעזע און סאָציאלע באפרײַונג־אידייען פון זײַן צײַט, וועלכע האָבן אזוי פרי פארכאפט זשאָרזש זאנד און האָבן אזוי שטארק באווירקט וויקטאָר הוגאָ, לאמארטינען און אסאך אנדערע, האָט אָפּגעשוואכט דעם אײַנדרוק, וואָס עס האָבן געמאכט זײַנע גראנדיעזע אייגנשאפטן פון א פּאָרשער פון דער מענטשלעכער נעשאָמע" 1).

אז באלזאק איז געווען א לעגיטימיסט, איז באוווסט; עס איז אויך עמעס, אז ער איז ניט געווען קיין „גײַסטיקער פירער" אין פראקטישן זינען פון וואָרט. נאָר אז באלזאק איז געווען נאָר א פּאָעט אין שמאָלן זינען פון דעם דאָזיקן וואָרט — דאָס איז אבסאָליוט ניט ריכטיק. אינדערעמעסן איז באלזאק אפן געביט פון קינסטלערישער ליטעראטור געווען דער היסטאָריקער פון דער פראנצויזישער געזעלשאפט פון זײַן צײַט. ער איז געווען ניט בלויז א גרויסער פּאָעט, נאָר אויך א גרויסער געלערנטער, א קענער פון די רעאלע געזעל־שאפטלעכע פארהעלטענישן.

באלזאקס געניאלקײַט באשטייט טאקע דערין, וואָס ער איז ווי אן עמעסער פאָרשער צוגעגאנגען צו דער פּראָבלעם פון דער מענטשלעכער „נאטור". ער האָט זי וויסנשאפטלעך אנאליזירט. באלזאק איז ווירקלעך געווען א „דאָקטער פון סאָציאלע וויסנשאפטן", וואָס ניט בלויז ער באאָבאכט, נאָר ער „עקספּערי־מענטירט" אויך. און באלזאק האָט ווי א קינסטלער ווירקלעך עקספּערימענטירט מיט דער מענטשלעכער נאטור.

באלזאק איז ניט געווען קיין מעטאפיזיקער, וואָס קאָנסטרויִרט אבסטראק־ציעס וועגן דער געזעלשאפט, נאָר ער איז געווען אן עמעסער סאָציאָלאָג, וואָס שטודירט דעטאל זײַן אָביעקט — דאָס הייסט די געזעלשאפט פון זײַן צײַט. באלזאקס אויפן פון „זאמלען" מאטעריאל פאר זײַנע קינסטלערישע ווערק דערמאָנט אונדז דעם אויפן, לויט וועלכן ס'האָט געארבעט דער יונגער פריד־ריך ענגעלס. מיר וויסן, אשטייגער, אז נאָך דעם ווי ענגעלס האָט דורכגע־ארבעט א ריזיקן ביכער־מאטעריאל, דערין אויך די ענגלישע „בלויע ביכער", פאר זײַן ווערק „די לאגע פונעם ארבעטער־קלאס אין ענגלאנד", האָט ער

1) Г. Брандес. Собр. соч. т. X. „Просвещение". стр. 100—101.

פונדעסטוועגנ נאָכ געהאלטנ פאר נייטיק פערזענלעכ צו באזוכנ די ארבעטער אינ זייערע וווינונגענ אונ צו באקומענ אזויארום דעמ נייטיקנ לעבעדיקנ מאַ־טעריאַל. באלזאקס אויפנ פונ שאפנ איז אויכ געווענ ענלעכ צו דעמ אויפנ פונ שאפנ פונ יונגנ ענגעלס. וועגנ דעמ דערציילט באלזאק אליינ, אונ אויכ אנדערע האָבנ וועגנ דעמ אסאכ געשריבנ.

באָדלער [1]) דערציילט וועגנ באלזאקנ, אז קוקנדיק אפ א פויערשער לאנד־שאפט האָט ער אויסגערופנ:

„Que c‘est beau! Mais que font-ils dans cette cabane? A quoi pensent-ils? Quels sont leurs chagrines? Les récoltes ont-elles été bones? Ils ont sans doute de échéances à payer?“

(„ווי שיינ עס איז! וואָס טוענ זיי אָבער אינעמ דאָזיקנ שטיבל? וועגנ וואָס טראכטנ זיי? וואָס זײַנענ זייערע אומאנגענעמלעכקײַטנ? צי איז די גערע־טעניש געווענ א גוטע? זיי דארפנ אוודאי נאָכ באצאָלנ שטײַער־רעשטנ?“)

אָט דאָ האָבנ מיר פאר זיכ דעמ עסטעט אינ אנ אָרגאנישער פאבינדונג מיטנ סאָציאָלאָג.

יאָ, דאָס ספּעציפישע איבערגעפלעכט פונ די קלאסנ נאָכ דער גרויסער רעוואָליוציע, די פולשטענדיקע אומעגלעכקײַט צוריק אופצושטעלנ די פעאָדאַ־לע אָרדענונג, וועלכע איז שוינ אינ טאָכ געווענ צעקלאפט, האָט געבראכט באלזאקנ צו דער אנטוישונג אינ דעמ קלאס, וועלכנ ער האָט סימפאטיזירט, אונ ער איז געוואָרנ דער „געלערנטער סעקרעטאר“ פונ דער פראנצויזישער געזעלשאפט פונ זײַנ צײַט. זײַנ קינסטלערישער אָביעקט איז געוואָרנ: דער אָפגאנג פונ איינ קלאס — פונ דער אריסטאָקראטיע, אונ דער אופגאנג פונ א צווייטנ קלאס — פונ דער בורזשואזיע. באלזאק זאָגט וועגנ זיכ: „די פראנצוי־זישע געזעלשאפט שאפט אליינ איר געשיכטע, אונ איכ בינ נאָר איר סעקרע־טאר, וואָס פארשרײַבט די דאָזיקע געשיכטע“.

ווי קומט עס, וואָס באלזאק, וועלכער האָט אָנגעהויבנ זײַנ ליטעראַרישע קאריער מיט ראָמאנענ *à la* וואלטער סקאָט, איז געוואָרנ דער געלערנטער סעקרעטאר — קינסטלער פונ דער פראנצויזישער געזעלשאפט? די באגרינדונג פונ דער דאָזיקער „איבערקערעניש“, וואָס איז פאָרגעקומענ אינ באלזאקס שע־פערישנ וועג, קאָנענ מיר געפינענ צעוואָרפנ אינ פארשיידענע ווערק פונעמ גרויסנ ראָמאניסט. מיר וועלנ ברענגענ אזא מינ אָרט, וואָס איז, לויט אונדזער מיינונג, ביז גאָר וויכטיק, קעדיי צו פארשטיינ די באזונדערע אייגנארטיקײַטנ, וואָס עס שטעלט מיט זיכ פאָר באלזאקס רעאליזמ.

אינ זײַנ „מוזיי פונ אלטערטימלעכקײַטנ“ („Le cabinet de antiques“) דער־קלערט באלזאק דורכ שענעלנ, דעמ „פארוואלטער“ בא דעמ מארקיז דע־עגרינאָנ, די נײַע סאָציאַל־פּאָליטישע פארהעלטענישנ אונ זייער היסטאָרישע נויטווענדיקײַט אפ אזא אויפנ: „שענעל האָט אנערקענט, אז די רעוואָליוציע

([1] В. Гаузенштейн. „Искусство и общество“. 1923. стр. 18.

האָט דערצויגן די מויכעס פֿון די נײַע דוירעס; די פֿאַרבאָרגענע, די נאָך ניט־פֿאַרהיילטע ווונדן האָבן איידעס געזאָגט וועגן דער איבערקערעניש, וואָס האָט ניט קיין וועג אָפּ צוריק. ער האָט געוווּסט, אַז קיין וועגן אָפּ צוריק זײַנען ניטאָ. דער קאָפּ, וואָס האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט פֿון די קיניגלעכע פּלייצעס, די פֿאַרפּײַניקטע קיניגן, דער אויספֿאַרקויף פֿון די פּריצישע גיטער זײַנען, פֿון שענעלס שטאַנדפּונקט, געווען דער בעסטער מאַשקן, וואָס האָט אַרופּגעלייגט באַשטימטע פֿאַרפּליכטונגען, וועלכע האָבן אָנגערירט צופֿיל פֿאַרשיירנאַרטיקע אינטערעסן, אַז די פֿאַרינטערעסירטע צדדים זאָלן דערלויבן צו פֿאַרניכטן די רעזולטאַטן. זײַן פּיִעטעט פֿאַר די עגריניאָנען, ניט געקוקט אויף זײַן גאַנצן פֿאַנאַטיזם, איז בעשומויפֿן ניט געווען הייליק, און דאָס האָט צוגעגעבן אַ געפֿיל פֿון מער שיינקײַט. דער גלויבן, וואָס ברענגט אַ יונגן מאָנאַך, ער זאָל זען גאַניידן־מלאָכים, איז ניט אַזוי טיף, ווי דער גלויבן פֿון אַן אַלטן מאָ־נאַך, וואָס ווײַזט זיי דעם יונגן אַדעפּט. דער געוועזענער פֿאַרוואַלטער האָט אין דעם פֿאַל דערמאָנט אין אַלטן מאָנאַך: ער האָט אויף קיין איין מינוט זיך ניט פֿאַרטראַכט אָפּפֿערן זײַן לעבן און צו פֿאַרטיידיקן ביז זײַן לעצטן טראָפּן בלוט די צעפּרעסענע דורך ווערעם ביינער פֿון די הייליקע. יעדעס מאָל, ווען ער האָט אין זייער פֿאָרזיכטיקע און מילדע אויסדרוקן געפּרוווט דערקלערן זײַן געוועזענעם האַר פֿאַרשיידענע „נײַקײַטן", אַמאָל מאַסקירנדיק זיך, ווונ־דערנדיק זיך, אַמאָל צו טרויעריק, אַמאָל מיט כויזעק, פֿלעג זיך שטענדיק אויף די ליפּן פֿון מאַרקיז באַווײַזן אַ נעוויִישער שמייכל, און אין זײַן נעשאָמע האָט זיך געקרעפּטיקט די איבערצײַגונג, אַז די דאָזיקע מעשוגאַסן וועלן פֿאַר־בײַגיין, ניט איבערלאָזנדיק קיין שפּור, ווי אַסאַך אַנדערע זאַכן זײַנען פֿאָרי־בער. קיינער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, אויף וועלכן אויפֿן די געשעענישן, וואָס וויקלען זיך פֿאַנאַנדער, האָבן צוגעגעבן די דאָזיקע ריטער פֿון רויִנען קראַפֿט צו פֿאַרהיטן די פֿעסטקײַט פֿון זייערע איבערצײַגונגען.

און אינדערמעסן, וואָס האָט געקאָנט שענעל ענטפֿערן, ווען דער מאַרקיז, באַגלייטנדיק זײַנע ווערטער מיט אַן אײַנדרוקפֿולן זשעסט, האָט דערקלערט:

— דער אייבערשטער האָט אָפּגעווישט פֿון פּאָנעם פֿון דער ערד באָנאַפּאַרטן מיט זײַנע אַרמייען און מיט די נײַע מעכטיקע וואַסאַלן, ער האָט צונישט געמאַכט זײַנע טראָנען און זײַנע ערנגײַציקע פּלענער. ער וועט אונדז אויסלייזן פֿון אַלע אַנדערע זייערע אימגליקן.

שענעל האָט אַלס ענטפֿער נאָר געשאָקלט טרויעריק מיטן קאָפּ, און ניט וואַגנדיק אַרויסצוזאָגן עפּעס, געטראַכט פֿאַר זיך: דער אייבערשטער וועט ניט דערלאָזן, אַז פֿראַנקרײַך זאָל ווערן אָפּגעווישט פֿונעם פּאָנעם פֿון דער ערד.

ביידע האָבן אויסגעזען גרויסאַרטיק אין דער דאָזיקער רעגע..."

דאָ האָט באַלזאַק געגעבן אין אַ קאָנדענסירטער פֿאָרם אַ גרויזאַמע סאַטירע אויף די ריטער פֿון רויִנען, אַ סאַטירע וואָס דערמאָנט זייער שטאַרק אין דער

פעדער פונעמ גרויסנ שפאניער טערוואנטעס, וועלכער האָט אינ זײַנ „דאָנ־קיכאָט" אונטערגעשטרײַכט דעמ „טויט־אורטייל" פונ דער אלטער געזעלשאפט. באלזאק האָט דורכ שענעלנ אויסגעדריקט זײַנ שטאנדפונקט בענעגייע דער פראנצויזישער ווירקלעכקײַט: ס'איז ניטאָ קיינ וועג אפ צוריק! זײַנע סימפאטיעס זײַנענ, פארשטייט זיכ, אפ דער זײַט פונ די עגריניאָנס; „די ריטער פונ רויִנענ", אָבער די נײַ־געשאפענע בורזשואזע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ צווינגענ אימ, ער זאָל זיי אנערקענענ אונ קינסטלעריש דאָקומענטירנ.

אונ באלזאק אנטפלעקט זיי טאקע אינ איינ ווערק נאָכנ צווייטנ. באלזאק ווערט אינ דער ליטעראטור דער סאָציאָלאָג פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט. ער האָט עס געטאָנ ניט ווי א אידעאָלאָג פונ דער בורזשואזיִע, ווײַל צו שארפ איז אויכ געווענ זײַנ קריטיק פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט; ער האָט עס אויכ ניט געטאָנ, ווי א אידעאָלאָג פונ דער אלטער האנדל־בורזשואזיִע, ווי עס וויל האָבנ פריטשע [1]. מיר מיינענ, אז באלזאקס פסיכאָ־אידעאָלאָגישנ מעהוס דארפ מענ זוכנ אינ זײַנ אָפגיינ אידעאָלאָגיש פונ איינ קלאס — פונ דער אריסטאָקראטיע, אונ אינ זײַנ דערנעענטערנ זיכ צו דער בורזשואזיִע. באלזאק האָט אזויארומ אינ גרונט גזהאט די אָריענטאציע אפ דער בורזשואזיִע, אנ אָריִענטאציע, וואָס די נײַ־געשאפענע היסטאָרישע נויטווענדיקע פארהעלטענישנ האָבנ אפ אימ ארופגעצוווּנגענ. ער האָט אָבער נאָכ פאר זיכ רעזערווירט די קריטישע באציִונג צומ אָנגעקומענעמ, האגאמ ער האָט שוינ באגריפנ די היסטאָרישע נויטווענדיקײַט פונעמ גײַעמ. בא אזא לאגע איז באלזאק ניט געוואָרנ בלויז דער סאָציאָלאָג פונ זײַנ צײַט אינ דער ליטעראטור, נאָר אויכ דער סאטיריקער פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט. באלזאק איז, פארשטייט זיכ, ניט געשטאנענ איבער קלאסנ. ער האָט נאָר געהאלטנ אינ דורכמאכנ אידעאָלאָגיש דעמ פראָצעס פונ איבערגאנג פונ איינ קלאס צומ אנדערנ. אונ דאָס האָט באדינגט זײַנ קריטיק „אפ צוויי פראָנטנ".

באלזאק איז גרויס אינעמ אנטפלעקנ די רעאלע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ פונ זײַנ צײַט. דער דערקענטעניש־ווערט פונ זײַנ רעאליזמ איז פונדעסטוועגנ באגרענעצט. געבנ אנ אלזײַטיק דיאלעקטיש בילד פונ דער ווירקלעכקײַט האָבנ באלזאקנ נישט דערלויבט די קלאסעווע פאָזיציעס, אפ וועלכע ער איז געשטאנענ. באלזאק האָט גוט פארשטאנענ דעמ גאנצנ מעכאניזמ פונ דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג. פאר אימ זײַנענ אויכ ניט געווענ פארשטעלט די סיבעס פונ איר אופקומ, ער האָט אָבער ניט געזענ קיינ אויסוועג פונ דעמ עלנט אונ אומגליק, וואָס דער קאפיטאליזמ האָט מיט זיכ געבראכט פאר די ארבעטנדיקע. ס'איז דעריבער נאטירלעכ, וואָס אינ באלזאקס ווערק פילט זיכ א געוויסער פעסימיסטישער טאָנ. די בורזשואזע אָרדענונג איז פאר אימ א מינ אומגליקלעכער פאטומ, וואָס די געשיכטע האָט אפ אייביק אופגעהאנגענ אפנ נאקנ פונ דער מענטשהײַט. דאָס שאפט בא באלזאקנ

[1] В. М. Фриче. „Очерк развития западных литератур". 1931. стр. 189.

אַ פּאַטאַליסטישן קוק בענעגייע דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט. באַלזאַק זעט ניט די רעוואָלוציאָנערע נעגאַציע פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט. דעם אַרבעטער־קלאַס זעט באַלזאַק ניט. דער פּראָצעס, אין וועלכן דער אַרבעטער־קלאַס ווערט פֿון אַ קלאַס אין זיך אַ קלאַס פֿאַר זיך, האָט ניט צוגעצויגן די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון באַלזאַקן. ווען ער שילדערט שוין יאָ אַמאָל אַרבעטער, פֿיגורירן זיי בײַ אים אָדער אַלס פּאַטריאַרכאַלע איבערגעגעבענע קנעכט, וואָס זײַנען טרײַ זייערע אייגנטימערס, אָדער אַלס מענטשן, צעבונטעוועטע פֿון הונגער, וואָס מאַכן קאַליע די אויסגעאַרבעטע סכוירעס, קעדיי נעקאָמע צו נעמען פֿאַר דער גרויזאַמער באַציִונג צו זיי פֿון זייערע עקספּלואַטאַטערס.

אין די 40־קער יאָרן, ווען מאַרקס און ענגעלס האָבן שוין געהאַט דערזען דעם פּראָלעטאַריאַט און וויסנשאַפֿטלעך באַגרינדעט זײַן רעוואָלוציאָנער־היסטאָרישע ראָליע, — און אין דעם פֿראַנט האָט די אַרבעטער־באַוועגונג פֿון פֿראַנקרײַך געשפּילט פֿאַר זיי אַ ביז גאָר באַדײַטנדיקע ראָליע, — אין אָט דער צײַט שרײַבט באַלזאַק אין זײַן פֿאָרוואָרט צו זײַן ווערק „פּויערים“: „...מע פֿאַרגעטערט קימאַט דעם פּראָלעטאַריער! די סעקטעס זײַנען אויפֿגערעגט און שרײַען מיט אַלע זייערע פּענעס: שטיי אויף, אַרבעטער! אַזוי ווי מע האָט פֿריִער געזאָגט צום „דריטן שטאַנד“: שטיי אויף!“

דאָס וואָס באַלזאַק האָט ניט באַמערקט דעם פּראָלעטאַריאַט און זײַן היסטאָרישע ראָליע, ווי בכלל די באַגרענעצטקײַט פֿון באַלזאַקס רעאַליזם, דאַרפֿן מיר האָבן אין אויג בײַם באַהאַנדלען די פּראָבלעם פֿון סאָציאַליסטישן רעאַליזם, און אין פֿאַרבינדונג מיט איר די פּראָבלעם פֿון ירושה אין דער ליטעראַטור. וואָלט באַלזאַק געלעבט נאָך אַ צוואַנציק יאָר, וואָלט ער מסתּמא געוואָרן אַן אויסגעשפּראָכענער בורזשואַזער שרײַבער אין דעם זינען, וואָס ער וואָלט אָנגעהויבן אידעאַליזירן די בורזשואַזע אָרדענונג, און דאַן וואָלט דער עסטעטישער דערקענטעניש־ווערט פֿון זײַנע ווערקווירקלעך פֿאַרלוירן זײַן פֿריִערדיקן באַטײַט. באַלזאַק וואָלט קינסטלעריש דעגראַדירט.

II

קימאַט דרײַ צענדליק יאָר פֿאַרנעמט זיך באַלזאַק מיט אַקטיווער קינסטלעריש־שעפֿערישער אַרבעט. זײַן אָביעקט איז די פֿראַנצויזישע געזעלשאַפֿט פֿון זײַן צײַט מיט איר גאַנצן קאָמפּלעקס סאָציאַל־פּאָליטישע פֿאַרהעלטענישן. ווי אַ סייסמאָגראַף, פֿיקסירט ער אַלע וויבראַציעס פֿון די קלאַסן־פּראָצעסן פֿון זײַן צײַט. ער שטודירט די דאָזיקע פּראָצעסן אַף הונדערטער פֿאַקטן און דערשײַנונגען. ער גייט צו צו זײַן שאַפֿן, ווי אַן עכטער וויסנשאַפֿט־מאַן. „די געזעלשאַפֿט, — שרײַבט ער, — שאַפֿט פֿון אירע מיטגלידער, אָפּהענגיק פֿון דער סוויווע, אין וועלכער עס קומט פֿאָר זייער טעטיקײַט, אַזויפֿיל פֿאַרשיידענע

מענטשן, וויפל מיר טרעפן אין דער זאָאָלאָגיע פארשיידענע ארטן". מיט די פרינציפן פון דער נאטורוויסנשאפט, אונטער דער ווירקונג פון ביופאָנען, טרעט ער צו צו באווייזן דעם דאָזיקן טעזיס. און דערביי טוט ער די דאָזיקע ריזיקע ארבעט, האָבנדיק אין אויג ביופאָנס אפאָריזם: געניאַלקייט — דאָס איז געדולד („צעשטערטע איליוזיעס").

אין 1844 יאָר שרייבט ער צו גאנקע, צו זיין צוקונפטיקער פרוי: „פיר מענטשן וועלן האָבן א ריזיקע ווירקונג אין דעם דאָזיקן האלבן יאָרהונדערט: נאפאָלעאָן, קיוויע, אָ'קאָנעל; איך וואָלט וועלן זיין דער פערטער. דער ערשטער האָט געלעבט מיטן בלוט פון אייראָפע, ער האָט באהערשט ארמייען; דער צווייטער האָט זיך פאריינגט דעם ערד־קיילעך; דער דריטער האָט זיך פארקערפערט אין א גאנצן פאָלק; איך אָבער האָב אויסגעטראָגן אין מיין קאָפּ א גאנצע געזעלשאפט". ניט אומזיסט האָט מען אָנגערופן באלזאקן: „דאָס גרעסטע אופהאלט־אָרט פון דאָקומענטן, וואָס האָבן א שייכעס צו דער מענטשלעכער נאטור".

פאר די אויפגאבעס, וואָס שטייען איצט פאר דער פראָלעטארישער ליטעראטור, איז זייער וויכטיק אויסצוקלאָרן דעם שעפערישן מעטאָד, מיט וועלכן עס האָט זיך באנוצט באלזאק, ביז ער האָט קינסטלעריש רעאליזירט „די גאנצע געזעלשאפט", וועלכע ער האָט אויסגעטראָגן אין זיין שעפערישן קאָפּ.

באלזאק, ווי יעדער גרויסער קינסטלער, האָט שטענדיק געטראכט וועגן זיין שעפערישן מעטאָד. געטע כאראקטעריזירט אין זיינער אן עסיי וועגן שעקספירן „Shakspeare und kein End" („שעקספיר און אָן א סאָף") שעקספירס צוגאנג צו דער וועלט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„Shakspeare gesellt sich zum Weltgeist: er durchdringt die Welt, wie jener, beiden ist nichts verborgen".

(„שעקספיר איז ענלעך צום וועלט־גייסט: ער דרינגט דורך די וועלט, ווי יענער, פאר ביידן איז גאָרנישט פארבאָרגן"). נאָר וועלט־גייסט אראָפּ! די דאָזיקע כאראקטעריסטיק, וואָס געטע גיט שעקספירן, קאָן אינגאנצן אָנגעווענדט ווערן צו באלזאקס אויפן פון שילדערן זיין פערסאָנאזש, צו דעם אופן, ווי ער גיט דעם פערסאָנאזש אין אלע זיינע באציִונגען, אינעם דיאלעקטישן פראָצעס פון ווערן, אין אלע זיינע קוואליטאטיווע איבערגאנגען א.אז.וו. באלזאקס פערסאָנאזש איז ריזיק אין צאָל, האגאמ א רייַ פערזאָנען כאזערט באלזאק איבער אין פארשיידענע ווערק, און ער טוט עס באוווסטזיניק, קעדיי ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט מיט זיי „צו עקספערימענטירן" אין דער לאבאָראטאָריע פונעם געזעלשאפטלעכן לעבן. ער שאפט פאר זיי נייע סיטואציעס, פרישע איבערלעבונגען, נייע צוזאמענשטויסן, און אזויארום גיט זיך אים איין צו באווייזן די ווירקלעכע עוואָליוציע, די ווירקלעכע אופירונג פון מענטשן אין פארשיידענע געזעלשאפטלעכע סוויוועס און בא פארשיידענע

בדינגונגענ. באלזאקס אויפנ פונ שילדערנ כאראקטעריזירט זייער טרעפלעכ דער קריטיקער געאָרג בראַנדעס מיט א פּאָר פּאָעטישע שורעס פונ וויקטאָר הוגאָס „לעגענדע פונ יאָרהונדערטער״:

„Il peignit l’arbre vu du côté de racines, le combat meurtrier des plantes assassines״.

(„ער האָט געמאָלט דעמ בוימ פונ דער זײַט פונ זײַנע וואָרצלענ, די מערדערישע שלאכט פונ די רויבערישע געוויקסנ״). באלזאק אליינ רעדט אינ זײַנ ווערק וועגנ זײַנ שעפערישנ מעטאָד. ער דערציילט אויכ וועגנ דעמ אינ די פּאָרעדעס צו זײַנע ווערק. אינ „צעשטערטע אילוזיעס״ האָבנ מיר וועגנ דער דאָזיקער פראגע קימאט א גאנצנ טראקטאט. בא באלזאקנ איז שוינ צו יענער צײַט (צומ סאָפ פונ די דרײַסיקער יאָרנ) געווענ גענוג קלאָר זײַנ קינסטלערישער וועג, ער איז שוינ דעמלט געווענ אזוי ווײַט אוועקגעגאנגענ פונ זײַנע פריִערדיקע ראָמאנענ á la וואלטער סקאָט, אז ער איז שוינ אימשטאנד געווענ צו באהאנדלענ די דאָזיקע פּראָבלעמ אנאליטיש, ווי א קינסטלער, וואָס פארמאָגט דאָס פולע באוווסטזײַנ פונ זײַנ שעפערישנ מעטאָד.

באלזאק לאָזט זײַנ ליבלינג־געשטאלט דאניִעל דע־ארטיעז אויסדריקנ פאָלגנדיקע געדאנקענ וועגנ קונסט אונ ליטעראטור: „וואָס אזוינס איז קונסט? מײַנ הער, דאָס איז קאָנצענטרירטע נאטור... וואלטער סקאָט ווײַזט נית קיינ לײַדנשאפטנ, אָדער עס קאָנ זײַנ, אז דער דאָזיקער געביט איז אימ געווענ פארבאָטנ דורכ די צוויִעסדיקע זיטנ פונ זײַנ לאנד. פאר אימ איז די פרוי — די פארקערפּערונג פונ פליכט. אכוצ גאָר קנאפּע אויסנאמענ, זײַנענ זײַנע העלדנס אינגאנצנ געראָטנ איינע אפ דער צווייטער, ער האָט פאר זיי אנ אלגעמיינעמ שאבלאָנ. אלע קומענ זיי ארויס פונ קלאריסע הארלאָ; דערפירנדיק זיי צו אנ אלגעמיינער אידייע, האָט ער נאָר געקאָנט געבנ אָפּצוגנ פונ איינ אונ דעמ זעלביקנ טיפּ, וואריִרנדיק זיי מער אָדער ווייניקער מיט לעבעדיקער באפּוצונג. די פרוי טראָגט ארײַנ אומאָרדענונג אינ דער געזעלשאפט, ארײַנברענגענדיק אינ איר לײַדנשאפטנ. לײַדנשאפטנ זײַנענ אומענדלעכ פארשיידנארטיק. מאָלט־זשע לײַדנשאפטנ, אונ איר וועט האָבנ א ריזיקנ מאטעריאל, וואָס דער דאָזיקער גרויסער פּאָעט האָט זיכ פונ אימ אָפּגעזאָגט, קעדיי צו געפינענ לייענער אינ אלע פאמיליעס פונעמ טוגנטהאפטיקנ ענגלאנד. נאָכ צענ יאָר אקשאָנעסדיקער ארבעט וועט איר דערגרייכנ רומ אונ א פארמעגנ״.

באלזאקס פאָרמול: „קונסט איז קאָנצענטרירטע נאטור״, וועלכע ער דריקט אויס דורכ דאניִעל דע־ארטיעז — דאָס איז דער אלטער אנטראָפּאָלאָגישער קוק אפנ מענטשנ, וואָס שטאמט פונ די מאטעריִאליסטנ פונ XVIII י. ה., אונ וואָס איז דורכ פארשיידענע וואריִאציעס בא העלוועציִענ אונ דידראָ דערגאנגענ ביז פײַערבאכנ. מארקס האָט נאָכ אינ זײַנע טעזיסנ וועגנ פײַערבאכנ געניִאל אופגעדעקט דעמ טאָעס פונ דעמ דאָזיקנ אנטראָפּאָלאָגישנ צוגאנג. מע דארפ אָבער דערבײַ באמערקנ, אז באלזאק האָט זיכ קיינמאָל נית געהאלטנ אינ זײַנ

שאפונג בא דער דאָזיקער פאָרמולע. דער מענטש פיגורירט בא אימ שטענדיק ווי א געזעלשאפטלעכער פראָדוקט, אונ די געזעלשאפטלעכע צווישנבאציִונגענ פארנעמענ דאָס צענטראלע אָרט אינ זײַנע ווערק. ער האָט אינ זײַנע ווערק ווירקלעכ געגעבנ די דינאמיק פונ די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ, דעמ מענטשנ אלס פראָדוקט פונ דער קלאסנ־ווירקלעכקײַט. ער האָט עס געטאָנ אפ אזוי טיפ, דורכזיכטיק, אפ וויפל עס איז ביכלאל פייִק געווענ זײַנ רעאליזמ.

ווי מיר האָבנ שוינ ציטירט אויבנ, ווײַזט ענגעלס אָנ וועגנ באלזאקנ; „ארומ דעמ דאָזיקנ צענטראלנ בילד (דאָס הייסט — ארומ דער אונטערגייענדיקער אריסטאָקראטיע, דער בורזשואזער פרוי — ש. ב.) גרופּירט ער די גאנצע געשיכטע פונ דער פראנצויזישער געזעלשאפט...” דער קאמפ צווישנ די פעאָדאלע רעשטלעכ מיט דער אופגייענדיקער בורזשואזיִע, דער אויפנ, וויִאזוי די בורזשואזע פרוי שטויסט ארויס די „גראנד־דאמ”, — דאָס איז דער אָביעקט, וועלכנ באלזאק גיט אָפּ גרויסע שעפערישע אופמערקזאמקײַט.

די פאמיליע־זיטנ פונ דער אריסטאָקראטישער פרוי, איר פאראזיטישע לײַדיקגייערישקײַט, די בארימטע „פעט דע אדאמ”, די אריסטאָקראטישע פּיקניקס, — דער אויסדרוק פונ אלדעמ אינ דער קונסט פלעגנ אינ פראנקרײַכ, ווי מיר ווייסנ, ארויסרופנ פראָטעסט בא די בורזשואזע אידעאָלאָגנ ביז דער רעוואָליוציע. דידראָ, לעמאָשל, באגריסט הייס דעמ מאָלער גרעז פאר זײַנ אנטי־אריסטאָקראטישער, ד. ה. בורזשואזער טעמאטיק. דער ראפינירטער אריסטאָקראטישער מאָלער בושע איז אימ דערווידער. די בורזשואזע ליטעראטור, וועלכע האָט זיכ גענומענ שאפנ אינ פראנקרײַכ נאָכ פאר דער רעוואָליוציע, קעמפט קעגנ אלדעמ. די בורזשואזיִע קעמפט דעמלט פאר צניִעס. די ספּעציפישע לאגע פונ דער אריסטאָקראטישער פרוי איז אָבער דעמלט געווענ אזא, אז פאמיליע־פאראט האָט געמוזט ווערנ, אזוי צו זאָגנ, אנ אטריבוט פונ איר פאמיליע־לעבנ.

ענגעלס זאָגט וועגנ דער „גראנד־דאמ”, אז פאמיליע־פאראט האָט „פולשטענדיק אנטשפּראָכנ יענער לאגע, אינ וועלכער די אריסטאָקראטישע פרוי האָט זיכ געפונענ אינ דער הייראט”. נאָכ דעמ ניצאָכנ פונ דער בורזשואזער רעוואָליוציע וויל שוינ די בורזשואזיִע געניסנ פונ איר זיג. זי ווערט העדאָניסטיש (שטרעבט צו פארגעניגנ), ווארפט פונ זיכ אראָפּ די פּוריטאנישקײַט, אונ די בורזשואזע פרוי נעמט דעמלט איבער די זיטנ־דערפארונג פונ דער אריסטאָקראטישער „גראנד־דאמ”, אונ דער געלט־זאק, איר מאנ, דער בורזשוא, גיט איר די מעגלעכקײַט אָנצוהייבנ אינ פאמיליע־געביט דעמ זעלביקנ קאמפ קעגנ דער „גראנד־דאמ”, וואָס איר מאנ דער בורזשוא פירט אינ עקאָנאָמישנ געביט קעגנ דעמ אריסטאָקראט. דער בורזשואזער געפילדער וועגנ פרויענ־צניִעס ווערט אײַנגעשטילט.

באלזאק, דער גרויסער קענער פונ דער פראנצויזישער געזעלשאפט פונ זײַנ צײַט, באמערקט דעמ דאָזיקנ פראָצעס, אונ ער שאפט זײַנע „זיטנ־כראָ־

3 — 605

ביקעס" פונ דער פראנצויזישער „געזעלשאפט", ווי עס דריקט זיכ אויס ענגעלס. געלט אונ לײַדנשאפטנ ווערנ אזויארומ פארוואנדלט אינ דעם נאָמענלאָזנ פערסאָנאַזש פונ זײַנע ווערק. געלט הייסט לעבנ. לעבנ באטײַט געניסנ. דאָס גע'עג נאָכ גענוס ווערט בא באלזאקנ געשילדערט ווי א טרײַב־קראפט פונעמ לעבנ פונ דער גאנצער געזעלשאפט, וועלכע ער האָט אויסגעטראָגנ אינ קאָפּ (אויסער דער גרופּע העלדנ רעפּובליקאנער, וועלכע באלזאק האָט שטארק אידעאליזירט). נישט אומזיסט פארנעמט דער פערזענלעכער עגאָאיזמ אזא גרויסנ אָרט אינ באלזאקס ווערק.

ס'איז אָבער וויכטיק צו האָבנ אינ זינענ, אז אלצ דאָס, וואָס באלזאק האָט געשטרעבט קינסטלעריש צו דערווײַזנ, קינסטלעריש צו דאָקומענטירנ, צייכנט זיכ בא אימ אויס מיט אנ איבערצײַגעוודיקער קינסטלערישער באגרינדונג. אונ זײַנ קינסטלערישע באגרינדונג איז מיט דעמ טאקע גרויס אונ וויכטיק, ווײַל זי אנטשפּרעכט די ווירקלעכע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ אונ דעמ געזעלשאפטלעכנ באוווסטזײַנ פונ יענער צײַט. אונ אז באלזאק האָט געקוקט אפ זײַנ קינסטלעריש־שעפערישער ארבעט, ווי א שטרענגער וויסנשאפט־מאנ אפ זײַנ פאָרשונג־אָביעקט, זאָגט איידעס באלזאקס באציִונג צו זײַנ קינסטלערישנ אָביעקט.

באלזאק שרײַבט אינ פאָרוואָרט צו זײַנ ווערק „פּויערימ": „זשאנ־זשאק רוסאָ האָט אינ טיטל פונ זײַנ „נײַער עלאָיִזע" געשטעלט די ווערטער: „כ'האָב געזענ די זיטנ פונ מײַנ צײַט, אונ איכ האָב פּובליקירט דאָס דאָזיקע ווערק". צי קאָנ איכ אויכ גיט, נאָכמאכנדיק דעמ גרויסנ שרײַבער, זאָגנ אײַכ: „איכ האָב שטודירט די אנטוויקלונג פונ מײַנ עפּאָכע, אונ איכ פּובליקיר דאָס דאָזיקע ווערק" ?

באלזאקס וויסנשאפטלעכער צוגאנג צו זײַנ קינסטלערישער ארבעט האָט מעגלעכ געמאכט דעמ אויסערגעוויינלעכ פארשארפטנ כוש, וואָס ער האָט פארמאָגט באמ פאנאנדערשטעלנ די סאָציאַלע קויכעס אינ זײַנע ווערק. ער אנטפּלעקט אינ זײַנע ווערק די רעאלע געזעלשאפטלעכע באציִונגענ, דצמ רעאלנ מענטשנ מיט יענער גרויסער קינסטלערישער העלקײַט, וועלכע האָט בעעמעס פארדינט מארקס אונ ענגעלס הויכע אָפּשאצונג. לאנסאָנס טײַנע, אז באלזאק גיט ניט קיינ טיפנ פּסיכאָלאָגישנ אנאליז, איז, פארשטייט זיכ, ניט מער ווי אויבערפלעכלעכע פּלאפּלערײַ פונ א בורזשואזנ פּראָפעסער.

דער קריטערי, מיט וועלכנ מע דארפ מעסטנ קונסט — אונ גרויסע קונסט שאפט אליינ דעמ קריטערי, — באשטייט פונ די פאָלגנדיקע גרונט־מאָמענטנ: ערשטנס, דער עסטעטישער דערקעטעניש־ווערט פונעמ ווערק, דאָס הייסט, ווי ריכטיק דאָס קינסטלערישע ווערק אנטפּלעקט די אָביעקטיווע ווירקלעכקײַט אפנ געגעבענעמ עטאפּ פונ דער געזעלשאפטלעכער אנטוויקלונג, בא די קאָנקרעטע געזעלשאפטלעכע באדינגונגענ, אינ וועלכע די קונסט־שאפונג קומט פאָר; דאָ קאָנ פולשטענדיק אָנגעווענדט ווערנ לענינס אײַנשטעלונג

אין דער דערקענטעניש־פראגע ביכלאל, נעמלעך: „די גאנצע מענטשלעכע פראקטיק דארף אריינגיין אין דער „באשטימונג" פונעם געגנשטאנד — סיי אלס דער קריטערי פון עמעס, סיי אלס דער פראקטישער באשטימער פון דעם, וואס איז נייטיק דעם מענטשן".

צווייטנס — דער פראגרעסיווער כאראקטער פון דער אידייע פון ווערק. דריטנס — דער געזעלשאפטלעכער אויסדרוק פונעם קינסטלערישן ווערק, דאס הייסט, דער אויפן וויאזוי די אידייע פון ווערק ווערט פארקערפערט אין גע־שטאלטן, וואס זיינען אדעקוואט צו דער אידייע פון ווערק.

אויב מיר זאלן מיט דעם דאזיקן קריטערי צוגיין צו באלזאקס ווערק, ניט פארגעסנדיק דערביי, אז מע קאן ניט שטעלן צו באלזאקס רעאליזם די זעלביקע פאדערונגען, וואס מיר שטעלן איצט צום סאציאליסטישן רעאליזם, וועלן מיר אין געשטאלט פונעם גרויסן ראמאניסט באלזאק האבן איינעם פון די גרעסטע קינסטלער אין דער ערשטער העלפט פון דעם XIX י. ה.

באלזאק האטווירקלעך אויסגעטראגן, ווי ער דריקט זיך אויס, „א גאנ־צע געזעלשאפט" אין זיין קאפ. דורכן ריזיקן פערסאנאזש פון זיינע ווערק אנטפלעקט ער מיט דער העלסטער קינסטלערישער לאגיק די געזעלשאפטלע־כע פארהעלטענישן פון פראנקרייך אין דער ערשטער העלפט פון XIX י. ה. דער דערקענטעניש־ווערט פון זיינע ווערק איז ווירקלעך זייער גרויס. דער געשטאלטלעכער אויסדרוק איז אדעקוואט צום אינהאלט. דאס וואס באלזאק האט שוין אין זיינע ווערק געזען און קינסטלעריש פיקסירט „די עכטע מענטשן פון דער צוקונפט", דאס הייסט די רעפובליקאנער העלדן פון קלוא־טער סען־מערי, דאס, זאגט ענגעלס, „רעכן איך פאר איינעם פון די גרעסטע ניצחונעס פונעם רעאליזם, פאר איינעם פון די גרעסטע באזונדערקייטן פונעם אלטן באלזאק".

אין דעם באשטייט, אגעוו, אויך באלזאקס פראגרעסיווקייט. און דער־פאר טאקע גיט אים ענגעלס די הויכע אפשאצונג, וואס זיינע ווערק פארדי־נען. „באלזאק, — זאגט ענגעלס, — וועמען איך האלט פאר אסאך א גרעסערן קינסטלער — רעאליסט, איידער אלע זאליאס פון דער פארגאנגענהייט, קעגנווארט און צוקונפט, גיט אונדז אין זיין „מענטשלעכער קאמעדיע" די מערקווירדיקס־טע רעאליסטישע געשיכטע פון דער פראנצויזישער „געזעלשאפט"...

ווי מיר זעען, שעצט ענגעלס זייער הויך דעם עסטעטישן דערקענטעניש־ווערט פון באלזאקן דעם רעאליסט. ער שטרייכט עס אונטער, אנווייזנדיק אפ דער גאנצער דיאלעקטישער ווידערשפרוכלעכקייט אין באלזאקס שאפן.

דער כ׳ נוסינאוו, ווייזט אויס, איז ניט מאסקים מיט ענגעלס אפשאצונג פון באלזאקס רעאליזם. ענגעלס שטעלט באלזאקן העכער פון זאליא, דער כ׳ נוסינאוו, פארקערט, שטעלט זאליא העכער פון באלזאקן. דער כ׳ נוסינאוו שרייבט אין זיין בוך „פראבלעמען פון דער פראלעטארישער ליטעראטור":

„ער (עמיל זאָליא. — ש. ב.) איז אויך דער נאָענטסטער לויט זײַן קינסטלע־רישן מעטאָד, זײַן שאפן איז פיל מער וויסנשאפטלעכער, סאָציאַל־אקטיווער פון פלאָבערס אָדער מאָפּאסאנס, ער דעקט אופ טיפער פון. זיי, אָדער אפילע ווי באלזאק, די ווידערשפרוכן אין דער מעכאניק פון דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט, דאָס בײַז פון די עצעם יעסוידעס פונעם קאפּיטאליזם. ער האָט מער פון יענע אלע רעאליסטן פארשטאנען דעם באטײַט פונעם ארבעטער־קלאס" (ז. 56).

צי איז דאָס אזוי, ווי עס מיינט דער כ' גוסינאָוו? בעשומויפן ניט. צי איז טאקע דער קליינבירגערלעכער ראדיקאל זאָליא אונדז נעענטער מיט זײַן שעפערישן מעטאָד, מיט זײַן נאטוראליזם, ווי באלזאק? צי איז זאָליאס קינסט־לערישער מעטאָד טאקע מער וויסנשאפטלעך? צי האָט טאקע זאָליא פאר־שטאנען דעם היסטאָרישן באטײַט פונעם ארבעטער־קלאס? ניין. אין זײַנע ווערק איז עס ניט צו זען.

דער נאטוראליזם — אזוי דאָס האָט דער כ' גוסינאָוו פארגעסן — איז ענג פארבונדן מיט דער פּאָזיטיוויסטישער פילאָסאָפיע. דער נאטוראליזם, פונקט ווי די פילאָסאָפיע פון פּאָזיטיוויזם, אף וועלכער ער שטיצט זיך, איז מוירע־דיק אינדיפערענט, ניהיליסטיש בענעגייע צו ווירקלעכער דערקענטעניש. דער נאטוראליזם איז רעגיסטראטעריש, „מאָרפאָלאָגיש", ער אבסטראהירט זיך פון דער „פיזיאָלאָגיע" פון דער געזעלשאפט, ער איגנאָרירט זי; ער באטראכט געזעלשאפטלעכע פאקטן, דערשײַנונגען ווי זאכן, וואָס עקזיסטירן איינע לעבן די אנדערע; ער באטראכט דאָס פאראלעלע זײַן פון זאכן, אָבער ניט די עקזיסטענץ פון זאכן איינע אין די אנדערע און דורך די אנדערע. אין קור־צן, דער נאטוראליזם איז אנטיהיסטאָריש, קאטאלאָגיזאטעריש. ער געפינט זיך שטענדיק אף דער אויבערפלאך פונעם פאקט, פון דער דערשײַנונג און איז ניט אימשטאנד, מאכמעס דער מעטאָדאָלאָגיע, בא וועלכער ער האלט זיך, ארײַנדרינגען אין טאָך פון די דערשײַנונגען. דער פּאָזיטיוויזם אין דער פי־לאָסאָפיע, דער נאטוראליזם אין דער קונסט האָבן זיך צעבליט אין דער עפּאָ־כע, ווען די בורזשואזיע איז געוואָרן רעאקציאָנער, איר פילאָסאָפיע און קונסט זײַנען געוואָרן פראגמאטיש, אנעמיש, אָן יעטווידער דערקענטעניש־לײַדנשאפט.

מארקס שרײַבט אין א בריוו צו ענגעלסן וועגן דעם שטאם־פאָטער פו־נעם פּאָזיטיוויזם אָגיוסט קאָנט: „איך שטודיר פארבײַגייענדיק קאָנטן, ווײַל די ענגלענדער און די פראנצויזן האָבן אופגעהויבן אזא טומל וועגן אים. זיי אימפּאָנירט זײַן ענציקלאָפּעדישקײַט, סינטעז. אין פארגלײַך אָבער מיט העגעלן מאכט ער א נעבעכדיקן אײַנדרוק, האגאם קאָנט, אלס א מאטעמאטי־קער און פיזיקער לויט דער פראָפעסיע, שטייט העכער פון העגעלן, דאָס הייסט העכער אין איינצלהײַטן, נאָר אינגאנצן גענומען איז העגעל אָן אן ערעך גרעסער. און דער דאָזיקער געמיינער פּאָזיטיוויזם האָט זיך באוויזן אין 1831 יאָר" (מארקס און ענגעלס. בריוו. 1932. ז. 260).

מארקס אָפשאצונג פונעמ פאָזיטיוויזמ שטעלט פעסט דעמ גאנצנ עמפּיריש־נעבעכדיקנ כאראקטער פונ דער דאָזיקער פילאָסאָפיע, וועלכע איז כאראקטעריסטיש פאר דער בורזשואזיע אינ דער עפּאָכע, ווענ זי שטרעבט שוינ מער ניט צו דערקענענ די אָביעקטיווע ווירקלעכקײַט, מאכמעס די ווירקלעכקײַט איז קעגנ איר. דער כ׳ נוסינאָוו מיינט, אז דער נאטוראליזמ פונ זאָליא, וואָס איז אינ טאָכ אנ אויסדרוק פונ דער פאָזיטיוויסטישער פילאָסאָפיע אינ דער ליטעראטור, איז אונדז נעענטער ווי באלזאקס רעאליזמ.

מארקס אונ ענגעלס האָבנ הויכ געשטעלט באלזאקס רעאליזמ פאר דעמ גרויסנ דערקענטעניש־ווערט, וואָס ער פארמאָגט. באלזאק האָט זיכ געפונענ אונטער דער ווירקונג פונ דער פּראָגרעסיווער וויסנשאפט פונ זײַנ צײַט, ווענ די בורזשואזע קולטור האָט פארמאָגט נאָכ א גאנצ באדײַטנדיקנ דערקענטעניש־דראַנג. פארקערט, זאָליאס שאפנ קומט פאָר אינ אזא פעריאָד, ווענ די בורזשואזע וויסנשאפט ווערט דורכ דער אידעאליסטישער פילאָסאָפיע געשטויסנ אינ די אָרעמס פונ רײנעמ, ניט־פארמאסקירטנ אידעאליזמ, אָדער זי ווערט דורכ דעמ פאָזיטיוויזמ געשטויסנ אפ שמאָל עמפּיריש־קריכערישע וועגנ פונ רעגיסטראציע אונ קאָנסטאטאציע.

זאָליא, ווי מיר ווייסנ, איז געווענ א פאָזיטיוויסט, א נאטוראליסט, זײַנ סאָציאַל־פילאָסאָפישער האָריזאָנט איז דעריבער געווענ א באגרענעצטער. ניט צופעליק פארנעמט דאָס סעקסועל־פאטאלאָגישע אזא אָנגעזעענעמ אָרט אינ זײַנ שאפנ. דאָס פארשטעלט אָפט בא זאָליא דאָס עמעסע רעאלע לעבנ. זאָליא האָט שוינ ניט געקאָנט זײַנ קיינ רעאליסט,— צוליב דעמ וואָלט ער באדארפט איבערײַסנ מיט זײַנע קליינבירגערלעכע קלאסנ־פאָזיציעס אונ אריבערגיינ אפ די קלאסנ־פאָזיציעס פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאריאט.

ווענ כ׳ נוסינאָוו טײַנעט, אז מע דארפ פונ די נאטוראליסטנ אויסטיילנ עמיל זאָליא, אונ אז „ער (עמיל זאָליא. — ש. ב.) איז סאָציאַל אונ אידייִש דער נאָענטסטער שרײַבער צו אונדז״, אונ „ער דעקט אופ טיפער פונ זיי (פלאָבער אונ מאָפּאסאנ. — ש. ב.), אָדער אפילע ווי באלזאק, די ווידערשפּרוכנ אינ דער מעכאניק פונ דער קאפּיטאליסטישער געזעלשאפט א.אז.וו.״, ווילט זיכ נאָכאמאָל איבערכאזערנ, וואָס איז שײַעכ באלזאקנ, ענגעלס געדאנק: „באלזאק, וועמענ איכ האלט פאר אסאכ א גרעסערנ קינסטלער — רעאליסט, איידער אלע זאָליאס פונ דער פארגאנגענהײַט, קעגנווארט, צוקונפט א.א.וו.״

ווער איז דאָ גערעכט? ווער האָט ריכטיק געשטעלט די יערושע־פּראָבלעמ? ס׳פארשטייט זיכ, אז דער כ׳ נוסינאָוו וועט מוזנ אָפּטרעטנ דאָס אָרט מיט זײַנ קאָנצעפּציע וועגנ באלזאקנ פאר דער קאָנצעפּציע פונ ענגעלסנ.

לאסאלס דראמע „פראנצ פאָנ זיקינגענ“

„אויב מע זאָל אוועקנעמענ פונ זיקינגענ דאָס, וואָס געהערט דעמ געגעבענעמ אינדיוויד מיט זײַנ באַזונדערער בילדונג, נאטירלעכע פײַי־קײַטנ א.אז.וו., וועט בלײַבנ געצ פאָנ בערליכינגענ“
(מארקס.)

מארקס אונ ענגעלס בריוו פונ 1859 צו לאסאלנ וועגנ זײַנ דראמע „פראנצ פאָנ זיקינגענ“ פארמאָגנ זייער א רײַכנ מעטאָדאָלאָגישנ אונ היסטאָרישנ מאטעריאל, וואָס האָט א ריזיקנ ווערט פאר דער מארקס־לענינישער ליטעראטור־וויסנשאפט. אינ די דאָזיקע בריוו שטעלנ די גרונטלייגער פונעמ מארקסיזמ א ריי שעפערישע פראגעס, וואָס האָבנ א שײַכעס דירעקט צומ דראמאטורגישנ געביט. דער גאנצער ארסענאל שעפערישע פראגעס, וואָס זיי באַרירנ אינ די בריוו צו לאסאלנ, איז בא זיי ענג געבונדנ מיט זייער אָפּשאצנ די באוועג־קויכעס פונ די צוויי רעוואָליוציעס אינ דײַטשלאנד—פונ דער פויערשער רעוואָליוציע אינעמ XVI י. ה. אונ פונ דער בורזשואזער רעוואָליוציע אינ 1848 יאָר.

אינ זײַנע ארטיקלענ אינ דער „ניו־יאָרקער טריבונ“, פאר די יאָרנ 1851—1852, אנטבלויזט ענגעלס מיטנ גרעסטנ סארקאזמ די פּאכדאָנישע אופירונג פונ דער דײַטשישער בורזשואזיע אינ דער רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר. די בורזשואזע פּאָליטישע טוער,—שרײַבט ענגעלס וועגנ דער ראָליע פונ דער דײַטשישער בורזשואזיע אינ 1848 יאָר, — „זײַנענ געווענ אנטשיידנ נאָר אינ זייער אומאנטשיידנקײַט, אונ זײַענדיק צו פּאכדאָניש, קעדיי צו פארנעמענ זיכ מיט טאט, האָבנ זיי זיכ איינמאָל פאר אלעמאָל ארײַנגעשלאָגנ אינ קאָפּ, אז גאָרנישט ניט טונ—דאָס איז גראָד דאָס, וואָס מע דארפ טונ“ [1]).

ניט קארגנדיק קיינ גיפטיקע איראָניע בענעגייע דער ליבעראלער בורזשואזיע, הערט אָבער ניט אופ ענגעלס אונטערצושטרײַכנ די העלדישע רעוואָליוציאָנערע אופירונג פונ די ארבעטער־מאסנ אינ דער רעוואָליוציע פונעמ 1848 יאָר. אינ לעצטנ סאכאקל איז ענגעלס אָפּשאצונג פונ דער רעוואָליוציע פונ 1848 יאָר דורכגעדרונגענ מיט א שטארקנ רעוואָליוציאָנערנ אָפּטימיזמ. „דער ערשטער אקט פונ דער רעוואָליוציאָנערער דראמע אפנ אייראָפּייִשנ קאָנטינענט, — שרײַבט ענגעלס, — האָט זיכ פארענדיקט... עס וואָלט שווער געווענ

1) Ф. Энгельс. „Революция и контрреволюция в Германии“. 1933. стр. 14.

פאַרצושטעלן זיך א מער אַנטשיידענע מאַפּאַלע ווי די, וועלכע ס׳האָט געליטן די רעוואָליוציאָנערע פּאַרטיי, אָדער ריכטיקער, די רעוואָ־יוציאָנערע פּאַרטייען פונעם קאָנטינענט אפ אלע פונקטן פון דער שלאכט־ליניע. וואָס איז אָבער פון דעם געדרונגען? צי האָט דען ניט געפאָדערט דער קאמף פון דער בריטישער בורזשואזיע פאר איר סאָציאַלער און פּאָליטישער הערשאפט 48 יאָר און דער קאמף פון דער פראנצויזישער — 40 יאָר אויסערגעוויינלעכע שלאכטן?״ [1] קיין רעמעז אפ דעם, אז „מע האָט זיך ניט באדארפט נעמען פאר געווער״, איז פארשטייט זיך, בא ענגעלסן ניטאָ, און ס׳האָט ניט געקאָנט זיין. עמעס, די רעוואָליוציע פון 48־טן יאָר האָט געליטן א מאַפּאָלע מאכמעס דעם, וואָס די ליבעראלע בורזשואזיע האָט פאראטן דעם פּראָלעטאריאט. דער פּראָלעטאריאט האָט אָבער אין דער רעוואָליוציע באקומען א וויכטיקע פּאָליטישע לעקציע, וועלכע וועט אים גוט דינען אין די ווייטערדיקע שלאכטן, שוין אומיטלבאר פאר זיינע אייגענע קלאסן־צילן און אופגאבעס. די קאָנקרעט־היסטאָרישע אָפּשאצונג, וואָס די גרונטלייגער פון מארקסיזם גיבן די רעוואָליוציעס אין דייטשלאנד (דער פויערשער רעוואָליוציע אינעם אָנהייב פונעם XVI י. ה. דער בורזשואזער רעוואָליוציע פון 48־טן יאָר), און די אויספירן, וואָס זיי מאכן דערפון, דרינגען ארויס פון זייער וויסנשאפטלעכן אנאליז פון די קאָנקרעטע באוועג־קויכעס פון די דאָזיקע רעוואָליוציעס.

אנדערש גייט צו צו דער רעוואָליוציע פונעם 48־טן יאָר, ווי אויך צו דער פויערשער רעוואָליוציע פונעם XVI י. ה. פערדינאנד לאסאל. ער קוקט אפ יעדערער פון די דאָזיקע רעוואָליוציעס, ווי אפ אן אייביקער קאָליזיע צווישן דער „באגייסטערונג״ מיט די „ענדלעכע מיטלען צו דערגרייכן צו אירע צילן אין דער ענדלעכער וויַרקלעכקייט״ (לאסאל).

לאסאל שרייבט אינעם „מאנוסקריפט וועגן דער טראגישער אידייע״, וואָס ער האָט דעם 6 מארט 1859 יאָר געשיקט צו מארקסן:

„די אייביקע שוואכקייט פון יעדער רעכטמעסיקער רעוואָליוציאָנערער אידייע, וועלכע פרווט פראקטיש צו פארווירקלעכן זיך, באשטייט אינעם מאנגל פון באוווסטזיניקייט בא די מיטגלידער פון קלאסן, וואָס זיינען איר איבערגעגעבן, וואָס זייער פרינציפּ איז נאָך ניט פארווירקלעכט געוואָרן, ווי אויך אין דער פארבונדענער דערמיט ניט־אָרגאניזירטקייט פון די מיטלען, וואָס געפינען זיך אין איר רעשוס. דער דיאַלעקטישער ווידערשפרוך, וואָס כאזערט זיך דערביי שטענדיק איבער, באשטייט אינקורצן אין פאָלגנדיקן: די קראפט פון דער רעוואָליוציע באשטייט אין איר באגייסטערונג, אין אָט דעם אומיטלבארן צוטרויען פון דער אידייע צו איר אייגענער מעכטיקייט און אומענדלעכקייט. נאָר די באגייסטערונג, ווי די אומיטלבארע זיכערקייט אין דער אַלמעכטיקייט פון דער אידייע, — איז פריער פון אלץ אן אבסטראקטע אומופמערקזאמקייט צו די ענדלעכע מיטלען פון דער ווירקלעכער רעאליזאציע און

1 דאָרט ז. 3 — 4

צו די שווועריקייטנ פונ רעאלע קאָמפּליקאציעס. די באגייסטערונג דארפ זיכ דעריבער איינבינדנ אינ די רעאלע קאָמפּליקאציעס, אריבערגייענ צו טאט מיט דער הילפ פונ ענדלעכע מיטלענ, קעדיי צו דערגרייכנ צו אירע צילנ אינ דער ענדלעכער ווירקלעכקייט. אנדערש וועט זי אינ אירע טרוימענ וועגנ דעמ, וואָס זי פארלאנגט (וועגנ ציל), ארויסלאָזנ פונ אויג די רעאלע זייטנ פונ דער פארווירקלעכונג. בא אזוינע אומשטאנדנ, ווי עס ווייזט אויס, דארפ מענ אנערקענענ פארנ טריומפ פונעמ העכערנ רעוואָליוציאָנערנ פארשטאנד פונ די רעוואָליוציאָנערע פירערס, ווענ זיי רעכענענ זיכ מיט די געגעבענע ענדלעכע מיטלענ, ווענ זיי פארבאהאלטנ פונ אנדערע (אונ דערמיט אפילע פונ זיכ אליינ) די עכטע אונ ענדלעכע צילנ פונ דער באוועגונג אונ דורכ אָט דעמ בעקיוונדיקנ אָפּנארנ די הערשנדיקע קלאסנ,—נאָכ מער, — באקומענ זיי דורכ אויסנוצנ די דאָזיקע הערשנדיקע קלאסנ די מעגלעכקייט צו אָרגאניזירנ נייע קויכעס, ביכדיי דערנאָכ מיט דער הילפ פונ אָט דעמ קלוג־דעראָבערטנ טייל פונ דער ווירקלעכקייט צו באזיגנ די עצעמ ווירקלעכקייט"[1].

לאסאל מיינט, אז דער דאָזיקער דיאלעקטישער ווידערשפּרוכ איז גילטיק פאר אלע רעוואָליוציעס. עס איז, אזוי צו זאָגנ, דער פאטומ פונ אלע רעוואָליוציעס. לאסאל שאפט זיכ די אילוזיע, אז ער האָט אנטדעקט דעמ אינערלעכנ ווידערשפּרוכ פונ רעוואָליוציעס ביכלאל, אונ אפנ סמאכ פונ דער דאָזיקער אנטדעקונג זייַנער בויט ער אויס זייַנ טעאָריע וועגנ דעמ טראגישנ קאָנפליקט פונ יעדער רעוואָליוציע. ארויסגייענדיק פונ דעמ, שאפט ער אויכ זייַנ טעאָריע וועגנ דער „פאָרמעל־טראגישער אידייע", וועגנ „א טיפנ דיאלעקטישנ ווידערשפּרוכ", וואָס איז „אייגנטימלעכ דער נאטור פונ יעטווידער האנדלונג, באזונדערס פונ דער רעוואָליוציאָנערער האנדלונג".

די פּרינציפּנ פונ דער דאָזיקער טעאָריע, וועלכע זייַנענ פאָרמעל ספּעקוליאטיוו, דורכויס אָפּאָרטוניסטיש, ליגט ער אינ גרונט סיי פונ זייַנ קאָנצעפּציע וועגנ דער „פאָרמעל־טראגישער אידייע", סיי פונ זייַנ אייגענער דראמאטורגישער שאפונג. דאָס פשאָרעסדיקע אונ אנטירעוואָליוציאָנערע לייזנ דורכ דער בורזשואזיע די „אנטינאָמיעס" פונ „באגייסטערונג" אונ „ענדלעכע מיטלענ", (ריידנדיק מיט לאסאלס שפּראכ) אינ דער רעוואָליוציע פונ דעמ 48־טנ יאָר, נעמט לאסאל אָנ פאר דעמ שטענדיק זיכ איבערכאזערנדיקנ קאָנפליקט, וואָס איז קלוימערשט כאראקטעריסטיש פאר יעטווידער רעוואָליוציע. די אָקטיאבער־רעוואָליוציע אינ רוסלאנד איז איינער פונ די בעסטע ביישפּילנ, וויאזוי א פּראָלעטארישע רעוואָליוציע לייזט דיאלעקטיש די אנטינאָמיעס פונ „באגייסטערונג" אונ „ענדלעכע מיטלענ": די באגייסטערונג וואקסט אונ שטייגט אומגעהייער גראָד מיט דער אָנווענדונג פונ די „ענדלעכע מיטלענ", צ. ב., מיט דער אָנווענדונג פונ רעוואָליוציאָנערנ טאט, מיט יעדער אויסגעקעמפטער פּאָזיציע אפנ וועג צו פארניכטנ די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע. לאסאל

[1]) „Лит. наследство", №3. 1932. стр. 8.

האָט זיך געפּרוּווט אַפּ אַ מעטאַפיזישן, אַבסטראַקטן, ריין־ספּעקוליאַטיוון אויפן פאַראַלגעמיינערן און אָנווענדן צו אַלע רעוואָליוציעס דעם היסטאָרישן עמעס פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע אין דייַטשלאַנד פון 48־טן יאָר. עס איז קיין וווּנדער ניט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן שוועבן איבער דעם רעאַל־היסטאָרישן פּראָצעס, שאַפנדיק זיך ספּעקוליאַטיווע איליוזיעס, אַז ער גיט אַ פאָרמול, וואָס פּאַסט פאַר אַלע רעוואָליוציעס (אין אַלע לענדער און אין אַלע צייַטן).

לאַסאַל, דער קלאַסישער שטאַם־פאָטער פונעם אָפּאָרטוניזם און רעפאָרמיזם אין דער דייַטשישער אַרבעטער־באַוועגונג, איז דאָ אַרייַנגעפאַלן אין דער לאָגיציסטישקייַט, וועלכע איז ביכלאַל שפּעטער געוואָרן כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם אָפּאָרטוניזם אין דער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער גאַנצער וועלט. אין אַן ענלעכער לאָגיציסטישקייַט וועט לענין אין 1907 יאָר באַשולדיקן פּלעכאַנאָוון פאַר זייַן אָפּשאַצן די באַוועג־קויכעס פון דער רוסלענדישער רעוואָליוציע פון 1905 יאָר און די ראָליע פונעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעוואָליוציע: „דער קאָנקרעטער אַנאַליז פון דער לאַגע און פון די אינטערעסן פון פאַרשיידענע קלאַסן דאַרף דינען פאַר דער באַשטימונג פונעם באַטייַט פינעם דאָזיקן עמעס אין זייַן אָנווענדונג צו דער אָדער יענער פראַגע. דער פאַרקערטער אויפן פון אורטיילן, וואָס טרעפט ניט זעלטן בא די סאָציאַל־דעמאָקראַטן פונעם רעכטן פליגל מיט פּלעכאַנאָוון אין דער שפּיץ פון זיי, דאָס הייסט די שטרעבונג צו זוכן ענטפערס אַפּ קראָנקרעטע פראַגעס אין דער איינפאַכער לאָגישער אַנטוויקלונג פון אַלגעמיינעם עמעס וועגן דעם גרונט־כאַראַקטער פון אונדזער רעוואָליוציע, באַטייַט וווּלגאַריזירן (опошление) דעם מאַרקסיזם און דורכווּיסיקער כויזעק איבער דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם". (לענין, פאָרוואָרט צו דער צווייטער אויסגאַבע פון דער „אַנטוויקלונג פונעם קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד").

אין גרונט אַנדערש ווי לאַסאַל, נעמלעך, היסטאָריש קאָנקרעט און אַרויסגייענדיק פון די רעאַלע באַוועג־קויכעס פון דער רעוואָליוציע, האָט ענגעלס אַנטפּלעקט דעם עמעסן כאַראַקטער פון „אַנטינאָמיעס" פון „באַגייַסטערונג" און „ענדלעכע מיטלען" אין דער רעוואָליוציע פונעם 48־טן יאָר:

„אין אַ באַשטימטן מאָמענט, וואָס קומט אָן אומעטום ניט שטענדיק איינצייַטיק און ניט אָבליגאַטאָריש אַפּ אַן אַלציינער שטופּע פון אַנטוויקלונג, הייבט זי (די בורזשואַזיע—ש. ב.) אָן צו באַמערקן, אַז איר באַגלייטער—דער פּראָלעטאַריאַט—הייבט זי אָן אַריבערצוּוואַקסן. פון דעם מאָמענט אָן פאַרלירט זי די פייִקייַט צו אויסשליסלעכער פּאָליטישער הערשאַפט; זי זוכט אַרום זיך פאַרבינדעטע, אָפּהענגיק פון די אומשטאַנדן, אָדער זי טיילט מיט זיי איר הערשאַפט, אָדער זי טרעט זיי איינגאַנצן אָפּ די דאָזיקע הערשאַפט.

אין דייַטשלאַנד איז דער דאָזיקער קער־פּונקט אָנגעקומען שוין אין 1848 יאָר. און דערשראָקן האָט זיך דעמלט די דייַטשישע בורזשואַזיע ניט אַזוי־

פיל פארנ דײַטשישנ פּראָלעטאריאט, ווי פארנ פראנצויזישנ. די פראנצויזישע שכיטע פונ יול 1848 יאָר האָט איר באוויזנ, וואָס עס דערוואַרט איר"[1]).

אָט ווי קאָנקרעט־היסטאָריש, מיט א פּינקטלעכנ אנאַליז פונ די קאָנקרעטע קלאסנ־פארהעלטענישנ, ענגעלס גייט צו צו דער לייזונג פונ די לאסאלישע אנ־טינאָמיעס. בא לאסאלנ זײַנענ אָבער די דאָזיקע אנטינאָמיעס גילטיק פאר אלע רעוואָליוציעס, אונ דער קאָנפליקט צווישנ זיי גיט שפּײַז דער טראגישער אידייע אינ דראמאטישע ווערק, וואָס שילדערנ רעוואָליוציאָנערע געשעענישנ בּיכלאל.

לאסאל פארפלאָנטערט זיכ אזוי אינ זײַנע אבסטראקציעס, אז ער, דער העגעליאנער, איז אינ גרונט געצווונגענ צו שטעלנ זיכ אפ אריסטאָטעלישע פּאָזיציעס בענעגייע צו טראגעדיע. אָנשטאָט דאָס היסטאָריש־נויטווענדיקע טרעט בא אימ ארויס אינ פאָדערגרונט דאָס אינדיווידועל־צופעליקע — א טריט אפ צוריק לעגאבע העגעלס קוק אפ טראגעדיע, ווי א פא היסטאָריש־נויטווענדיקער קאָליזיע צווישנ נײַע אונ אלטע אידייעס, אינ וועלכער דער טרעגער פונ די נײַע אידייעס קומט פיזיש אומ, אָבער זײַנע אידייעס, אלס היסטאָריש־נויט־ווענדיקע, האלטנ אָפּ א ניצאָכנ איבער דאָס אלטע. „בּילדנדיק דעמ וועזנט־לעכנ אונ עכטנ גרונט,—זאָגט העגעל,—פונווירקלעכנ זײַנ, באַרעכטיקט זיכ דער דאָזיקער קאמפ אונ ווערט געזועצלעכ נאָר דאנ, ווענ עס ווערט פארניכ־טעט דער ווידערשפּרוכ. אלזאָ, וואָס געזעצלעכער עס זײַנענ סײַ דער ציל, סײַ דער טראגישער כאראקטער, אלצ נויטווענדיקער איז די פאנאנדערבּינדונג פונעמ דאָזיקנ קאמפ". „אפ אזא אופנ איז דער עכט־סובסטאנציאָנעלער פּרינציפּ, וואָס דארפ זיכ פארווירקלעכנ, ניט קיינ קאמפ פונ פּריוואטע אינטע־רעסנ, האגאמ די לעצטע געפינענ זייער עקזיסטענצ אינ דער אידייע גופע פונ דער ווירקלעכער וועלט אונ מענטשלעכער טעטיקײַט... אינ דער טראגי־שער פאנאנדערבּיגדונג ווערט פארניכטעט נאָר דאָס, וואָס איז אויסשליסלעכ פּריוואט א.אז.וו." [2]).

ווי פאטאליסטיש עס זאָל בא העגעלנ ניט ארויסטרעטנ דער מאָמענט ווענג דער לאגע פונ סוביעקט, ד. ה. דעמ טרעגער פונ טראגישנ קאָנפליקט (אפנ מאָמענט פונ פאטאליזמ האָט שוינ אָנגעוויזנ פּלעכאנאָוו), איז אָבער אינ גרונט געגומענ העגעלס קאָנצעפּציע ווענג טראגעדיע א היסטאָרישע; עס בלײַבּט ניט אינ איר קיינ אָרט פאר דאָס צופעליקע אונ אבסטראקט־אינדיווידועלע, אָדער פּינקטלעכער, דאָס אינדיווידועלע איז בא העגעלנ אײַנגעשלאָסנ אינ דאָס אל־געמיינע, אינ דאָס געזעלשאפטלעכ־נויטווענדיקע.

לאסאל בויט אָבער זײַנ קאָנצעפּציע לויט אריסטאָטעלס פּרינציפּנ ווענג טראגעדיע. „טראגעדיע, זאָגט אריסטאָטעל, איז דאָס רעפּראָדוצירנ די ערנסטע אונ

---

1) Ф. Энгельс. „Крестьянская война в Германии". 1933. стр. 7

2) ציטירט לויט זיוועלטשינסקיאס בוכ:

„Опыт марксистского анализа истории эстетики". стр. 202—203.

פאַרענדיקטע האַנדלונג... דער איבערגאַנג פון גליק צו אומגליק קומט ניט מאַכמעס פאַרברעכערישקייַט, נאָר מאַכמעס א גרויסן פעלער" 1). אָט דעם יעצטן מאָמענט — דעם מאָמענט פון „גרויסן פעלער" פון אריסטאָטעלס באַשטימונג וועגן טראַגעדיע, וועלכער איז צוגעפאַסט צום אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון דער אַנטיקער טראַגעדיע, האָט לאַסאַל געלייגט אין גרונט פון זייַן טעאָרעטישער באַגרינדונג וועגן דער טראַגישער שולד פון זייַן „זיקינגען". אין זייַן בריוו וועגן „פראַנצן" ווייַזט מאַרקס אָן לאַסאַלן: „דעריבער איז אויב דו האָסט ניט געוואָלט פּאָשעט דערפירן די קאָליזיע צו יענער קאָליזיע, וואָס איז געשילדערט אין „געץ פאָן בערליכינגען", — און דאָס איז ניט אַרייַנגעגאַנגען אין דייַנע פּלענער, — וואָלטן זיקינגען און גוטען באַדאַרפט אומקומען דערפאַר, ווייַל זיי זייַנען אין זייערע אייגענע פאָרשטעלונגען געווען רעוואָליוציאָנערן (דאָס לעצטע קאָן מען ניט זאָגן וועגן געצן)". מאַרקס זעט, אַלזאָ, די טראַגישע שולד ניט אינעם אַריסטאָטעלשן „אומשולדיק-שולדיקן". לויט זייַן מיינונג, באַשטייט די טראַגישע שולד פון די געצס—און אַזעלכער איז אין טאָך אויך זיקינגען („אויב מע זאָל אוועקנעמען בא זיקינגען דאָס, וואָס געהערט דעם געגעבענעם אינדיווידן מיט זייַן באַזונדערער בילדונג, נאַטירלעכע פייִקייַטן א.אז.וו., וועט בלייַבן געץ פאָן בערליכינגען"—מאַרקס)—דערין, „וואָס זיי הייבן אויף דעם אופשטאַנד אונטער דער מאַסקע פון א ריטערלעכער מילכאָמע, און דאָס באַטייַט, אַז זיי הייבן אים אָן ווי ריטער". „קעדיי אָנצוהייבן די זאַך אַנדערש,—זאָגט מאַרקס וועגן זיקינגען,—וואָלט ער גלייַך מיטאַמאָל באַדאַרפט אַפּעלירן צו די שטעט און צו די פויערים, ד. ה. צו די זעלביקע קלאַסן, וואָס זייער אַנטוויקלונג — צו דער אָפּלייקענונג פונעם ריטערטום".

דאָס טראַגישע אין זיקינגען, לויט מאַרקסן, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיקינגען איז אין זייַן אייגענער פאָרשטעלונג געווען א רעוואָליוציאָנער, האַגאַם ער איז געשטאַנען אַף פעאָדאַלע פּאָזיציעס. וואָלט ער געווען א רעוואָליוציאָנער ניט בלויז אין זייַן פאָרשטעלונג, וואָלטן זייַנע טאַטן געטראָגן א מיונצערישן כאַראַקטער,—וואָלטן מיר דאַן געהאַט די טראַגעדיע פון א רעוואָליוציאָנער, וואָס קומט אום, מאַכמעס די קלאַסן-קויכעס, אַף וועלכע ער שטיצט זיך, זייַנען נאָך ניט גענוג רייַף אַף אָפּצוהאַלטן א פולשטענדיקן זיג איבערן קלאַסן-קעגנער. זיקינגען אָבער „איז אומגעקומען דערפאַר, ווייַל ער איז אַלס ריטער און אַלס פאָרשטייער פון אַן אונטערגייענדיקן קלאַס אופגעשטאַנען קעגן דאָס עקזיסטירנדיקע, אָדער ריכטיקער, קעגן דער נייַער פאָרם פונעם עקזיסטירנדיקן" (מאַרקס).

מאַרקס ווייַזט, אַזויאַרום, אָן אַף דער היסטאָרישער קלאַסן-ווירקלעכקייַט, וועלכע האָט פאַרורזאַכט דעם טראַגישן קאָנפליקט אין זיקינגען. בא מאַרקסן איז זיקינגענס טראַגישער אומקום אַן אומפאַרמייַדלעכער רעזולטאַט פון דער קאָליזיע צווישן פאַרשיידענע שיכטן אין די ראַמען פון איין קלאַס. לאַסאַל

1) Аристотель. „Поэтика.“ Akademia. 1927. стр. 45, 55.

אָבער זעט זיקינגענס טראַגישע שולד אין דער „זיטלעכער שולד הויפּטזאַכלעכ", „און גראָד דערפאַר, ווײַל זי איז אַן אינטעלעקטועלע, ווײַל זי באַזירט זיכ אַפּ אַן אידייִשן קאָנפליקט, וואָס כאַזערט זיכ שטענדיק איבער אין אַלע איבערבראָכ-עפּאָכעס, הערט זי אופּ-צו זײַן די שולד פון אַ פּריוואַטער צופעליקער פּערזאָן א.אז.וו.". (לאַסאַל)

און ווײַל לאַסאַל פאַרבײַט דאָס קלאַסעווע, דאָס היסטאָריש-נויטווענדיקע מיטן אינדיווידועל-זיטלעכן, ריכטיקער, מיטן אַבסטראַקט-זיטלעכן, קומט ער אומפּאַרמײַדלעכ צו אַן אַנטיהיסטאָרישן קוק אַפּ טראַגעדיע ביכלאַל און אַפּ דער טראַגישער שולד פון זײַן „זיקינגען" ביפּראַט. „דעריבער, שרײַבט לאַסאַל צו מאַרקסן וועגן „זיקינגען", קומט ער אום ניט מאַכמעס דעם, וואָס דאָס אַלטע האָט די איבערהאַנט (דאָס וואָלט ניט געווען קיין טראַגישער אומקום), ווײַל דאָס אומפּאַרמײַדלעכע פאַלן פון דעם אַלטן איז, אַגעוו, ווײַט נאָכ ניט גלײַכ באַדײַטנדיק מיט דער דערגרייכונג פון זיקינגענס גרויסע צילן (דאָס פילט זיכ גענוג קלאָר אין פינפטן אַקט), — ער קומט אום איבער זײַן פּערזענלעכער שולד". [1]

אַלזאָ, אין דער פּערזענלעכער שולד (אין זיקינגענס „דיפּלאָמאַטיע"), ניט אין דעם ריטערלעכן כאַראַקטער פון זיקינגענס אופשטאַנד זעט לאַסאַל זיקינגענס טראַגישע שולד. אין זײַן בריוו צו לאַסאַלן וועגן פראַנצן ווײַזט אים ענגעלס אָן, אַז „אָט די ניט-אופמערקזאַמקײַט צו דער פּויערשער באַוועגונג איז יענער פּונקט, וואָס איבער זײַן שולד האָט איר, לויט מײַן מיינונג, די נאַציאָנעלע באַוועגונג פון דעם אַדלטום גופע געשילדערט ניט ריכטיק אין איין הינזיכט, און איינעם דערמיט האָט איר אַרויסגעלאָזט פון אויג דעם עכט טראַגישן עלעמענט אין זיקינגענס גורל. לויט מײַן מיינונג, האָט די מאַסע פינעם דעמאַלטיקן אימפּערישן אַדלטום ניט געטראַכט וועגן שליסן אַ בונד מיט די פּויערים. צו דעם האָט ניט דערלאָזט דאָס, וואָס דאָס אַדלטום איז געווען אָפּהענגיק פון די האַכנאָסעס, וועלכע זײַנען געבונדן מיטן אונטערדריקן די פּויערים. אַ בונד מיט די שטעט איז שוין גיכער געווען מעגלעכ; ער איז אָבער ניט פּאָרגעקומען, אָדער פּאָרגעקומען בלויז טיילווײַז. דער ניצאָכן פון דער נאַציאָנאַל-אַדלשער רעוואָליוציע איז אָבער געווען מעגלעכ בלויז אין אַ בונד מיט די שטעט און מיט די פּויערים, באַזונדערס מיט די לעצטע; און דער טראַגישער מאָמענט באַשטייט, לויט מײַן מיינונג, גראָד אין דעם טאַקע, וואָס דער בונד מיט די פּויערים, דער דאָזיקער גרונט-באַדינג, איז געווען אוממעגלעכ, וואָס די פּאָליטיק פון אַדלטום האָט דעריבער אומפּאַרמײַדלעכ געמוזט זײַן קליינלעכ, וואָס אינעם זעלביקן מאָמענט, ווען דאָס אַדלטום האָט זיכ געוואָלט שטעלן אין דער שפּיץ פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, האָט די מאַסע פון דער נאַציע, די פּויערים, אָנגעהויבן פּראָטעסטירן קעגן דער אָנפירונג פון דעם אַדלטום. און דאָס אַדלטום האָט אומפּאַרמײַדלעכ

[1]) „Лит. наследство" №3. 1932. стр. 11.

געמוזט פאלנ... פונדעסטוועגנ באשטרײַט איכ לאכלוטנ ניט אײַער רעכט צו באטראכטנ זיקינגענ אונ גוטענ אלס טוער, וואָס האָבנ פאר זיכ געשטעלט אלס ציל די באפרײַונג פונ די פויערים. דעמלט אָבער באקומט זיכ גלײַכ יענער טראגישער ווידערשפרוכ, וואָס זיי ביידע זײַנענ געשטאנענ צווישנ דעם אדלטום, וואָס איז געווענ אנטשיידנ קעגנ דעמ, פונ איינ זײַט, מיט די פויערים — פונ דער צווייטער זײַט. אינ דעמ איז, לויט מײַנ מיינונג, באשטאנענ די טראגישע קאָליזיע צווישנ דעמ היסטאָריש־נויטווענדיקנ פאָסטולאט מיט דער פראקטישער אומעגלעכקײַט פונ זײַנ רעאליזאציע" [1].

ענגעלס זעט, אלזאָ, דעמ טראגישנ עלעמענט בא זיקינגענ אינעמ זעלביקנ קוואל, וואָס מארקס, נעמלעכ אינ דעמ, וואָס ער שטייט אפ פשאָרעסדיקע פאָזיציעס צווישנ דעמ אדלטום, וואָס איז אבסאָליוט ניט געווענ פארינטערעסירט אינ דער עקאָנאָמישער אונ פאָליטישער באפרײַונג פונ די פויערים, מיט די פויערים־מאסנ, וועלכע האָבנ ניט געקאָנט האָבנ קיינ צוטרוי צו דער נאַציאָנאלער באוועגונג פונ דעמ אדלטום, אָדער, ווי מארקס דריקט זיכ לאקאָניש אויס וועגנ זיקינגענס טראגישנ קאָנפליקט: „זיקינגענ הייבט אָנ דעמ אופשטאנד אונטער דער מאסקע פונ א ריטערלעכער מילכאָמע".

אינ דעמ אָבער האָט לאסאל ניט געוואָלט אײַנזענ זיקינגענס טראגישע שולד, אונ די רעאלע טראגישע שולד טרעט בא אימ ארויס אלס א ריינ אינטעלעקטועלע, זיטלעכע שולד, אלס די שולד אינעמ גײַסט פונ אריסטאָטעלשנ „גרויסנ פעלער". די דאָזיקע פאלשע קאָנצעפציע בא לאסאלנ האָט אירע טעאָרעטישע וואָרצלענ אינ זײַנ אייגנארטיקנ פארשטיינ דעמ רעוואָליוציאָנערנ באדײַט פונעמ פויערטום ביכלאל אונ די רעוואָליוציאָנערע ראָליע פונ פויערטום אינ דער פויערשער רעוואָליוציע אינ דײַטשלאנד אינ XVI י. ה. בכּיפּראט.

זײַנ קוק אפ דער פויערים־באוועגונג אינ דער רעוואָליוציע פונ XVI י.ה. באגרינדעט לאסאל אפנ פאָלגנדיקנ אופנ אינ זײַנ ענטפער־בריוו צו מארקסנ אונ ענגעלסנ אפ זייער קריטיק וועגנ „פראנצנ":

„די פויערים האָבנ דאָכ געפאָדערט פונעמ אדל נאָר די פארניכטונג פונ מיסברויכנ אונ ניט די פארניכטונג פונ דער אָרדענונג גופע. וואָס אופמערקזאמער דו שטודירסט די פויערים־מילכאָמעס, אלץ קלאָרער זעסטו עס, אונ דאָס איז נאטירלעכ. די אידייע פונ רעכט פונעמ סוביעקט אלס אזעלכנ גייט ארויס איבער די גרענעצנ פונ יענער גאנצער עפּאָכע. ארײַנטראָגנ זי אהינ — וואָלט באטײַט האנדלענ אנטיהיסטאָריש אינעמ ערגסטנ זינענ פונ דעמ דאָזיקנ וואָרט... אונ לעצטנס וווּנדערט מיכ, ווי האָסטו עס ניט געקאָנט באמערקנ, אז די פויערשע אגיטאציע איז אינ לעצטנ סאכאקל געווענ דורכויס רעאקציאָנער, אפ אזויפיל רעאקציאָנער, ווי די היסטאָרישע אדל־פארטיי" [2].

———

[1]) „Лит. наследство" № 3. 1932. стр. 21—22.

[2]) דאָרט, ז. 38.

דעם דאָזיקן פאַלשן קוק לאַסאַלס אַף דער ראָליע פונעם פויערטום אין דער רעוואָליוציע פונעם XVI י. ה. אין דײַטשלאַנד האָבן שטרענג באַקעמפט די גרונטלייגער פונעם מאַרקסיזם. ניט אומזיסט האָט לאַסאַלס פאַלשע אָפּשאַצונג פון די באַוועג־קויכעס פון דער רעוואָליוציע אין XVI י. ה. אין דײַטשלאַנד אַרויסגערופן מאַרקס סאַרקאַסטישע באַמערקונג וועגן דעם אויטער פון „פראַנצ פאָן זיקינגען". „...צי ביסטו — שרײַבט מאַרקס לאַסאַלן,—ביז צו א גע־וויסן גראַד אַליין ניט אַרײַנגעפאַלן, ווי דײַן „פראַנצ פאָן זיקינגען", אין יענעם דיפּלאָמאַטישן טאָעס, וואָס דו האָסט אויעקגעשטעלט די ליוטעריש־ריטערלעכע אָפּאָזיציע העכער פון דער פּלעבייִש־מינצערישער?"

ענגעלס שרײַבט אין זײַן גלענצנדיקער היסטאָרישער אַרבעט „דער פּויערים־קריג אין דײַטשלאַנד": „עס איז געווען א צײַט... ווען די דײַטשישע פּויערים און פּלעבייער האָבן זיך געטראָגן מיט אידייעס און פּלענער, וואָס פלעגן גאַנץ אָפּט אַרײַנבּרענגען זייערע קענער אין ציטער און אין שרעק". און לאַסאַל מיינט, אַז „די אידייע פון רעכט פון סוביעקט אַלס אַזעלכן" איז נאָך דעמלט ניט געשטאַנען אַפ דער טאָג־אָרדענונג פון קלאַסנקאַמפּ אין דײַטש־לאַנד.

וויאַזוי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט לאַסאַלס אייגנאַרטיק פאַרשטיין די באַוועג־קויכעס ביכלאַל און די ראָליע פון פויערטום ביפראַט אין דער רעוואָליוציע פון XVI י. ה. אין דײַטשלאַנד אַפ זײַן שעפערישן מעטאָד? וויאַזוי האָט זיך עס אָפּגעשפּיגלט אַפ דער פאַנאַנדערשטעלונג און אַפ דער קאָרעליאַציע פון די געש־טאַלטן אין „זיקינגען"? צי האָבן מיר א רעאַלע, א היסטאָריש־ריכטיקע פאַ־נאַנדערשטעלונג פון די קלאַסן־קויכעס אין זײַן דראַמע? צי האָט לאַסאַל אין זײַן דראַמע בעעמעס געשאַפן אַזעלכע עסטעטישע דערקענטעניש־ווערטן, וואָס גיבן אַן אַדעקוואַט היסטאָריש בילד פון די רעוואָליוציאָנערע שטורעם־יאָרן פונעם XVI י. ה. אין דײַטשלאַנד?

מאַרקס און ענגעלס רוקן אַרויס א ריי פּרינציפּיעלע דערווידערונגען קעגן לאַסאַלס שעפערישן מעטאָד, ניט אויסמײַדנדיק דערבײַ אונטערצושטרײַכן די אײַנגעגעבענע, געראָטענע ערטער אין דער דראַמע. אָנווײַזנדיק אַפן „דואַליזם" אין „פראַנצן" און באַצייכענענדיק, אַז אין גרונט איז זיקינגען דאָס אייגענע, וואָס „געץ פאָן בערליכינגען" און אונטערשיידט זיך פון אים בלויז דערמיט, וואָס אין זײַן אייגענער פאָרשטעלונג האַלט זיך זיקינגען פאַר א רעוואָליוציאָ־נער א.אַז.וו., זאָגט מאַרקס, אַז אויב לאַסאַל האָט געוואָלט אין זײַן דראַמע טראַקטירן די טראַגישע קאָליזיע אַנדערש, ווי געטע האָט דאָס געטאָן אין געצן, „וואָלטן די אַדלשע פאָרשטייער פון דער רעוואָליוציע, וואָס אונטער זייערע לאָזונגען וועגן אייניקײַט און פרײַהײַט איז נאָך אַלץ פאַרבאָרגן דער טרוים וועגן דער אַלטער אימפּעראַטאָרישער מאַכט און פויסטן־רעכט — ניט געווען באַדאַרפט, הייסט עס, אַזוי אַבסאָליוט אײַנשלינגען דעם גאַנצן אינ־טערעס, ווי דאָס איז געשען בא דיר: די פאָרשטייער פון די פויערים (זיי

טאקע באזונדערס) און די רעוואָליוציאָנערע עלעמענטן אין די שטעט וואָלטן באדארפט צוזאמענשטעלן א וועזנטלעכן אקטיוון פאָן. דעמלט וואָלסטו געקאָנט אין א פיל א גרעסערער מאָס אויסדריקן גראָד די סאמע מאָדערנסטע אידייעס אין זייער ריינסטער פאָרם. איצט אָבער פארבלײַבט בא דיר פאקטיש אלס הויפּט־אידייע, באנאנד מיט רעליגיעזער פרײַהײַט, די בירגערלעכע איינִיקײַט. דיר וואָלט דעמלט, זעלבסטפארשטענדלעך, אויסגעקומען מערער צו שעקספּיריזירן, בייס איצט האלט איך די שילעריזירונג, דאָס פארוואנדלען אינדיווידן אין פּאָשעטע רופאָרס פונעם צײַט־גײַסט אלס דײַן גרעסטן פעלער". (מארקס)

אויך ענגעלס שטעלט ארויס צו לאסאלן די זעלביקע פאָדערונגען: „אָבער ניט גענוג, ווי מיר דוכט זיך, זײַנען בא אײַך אונטערגעשטראָכן די ניט־אָפיציעלע פּלעבייִשע און פויערשע עלעמענטן מיטן טעאָרעטישן אויסדרוק זייערן, וואָס באגלייט זיי" (ענגעלס).

ווי מיר זעען, פאָדערן מארקס און ענגעלס רעכט פאר דעם פּלעבייִש־מיונצערישן עלעמענט אין לאסאלס דראמע, אנדערש גערעדט, לאסאל האָט, לויט זייער מיינונג, אין זײַן שעפערישן מעטאָד באדארפט גיין לויט דער שעקספּיר־ליניע, דאָס הייסט ער וואָלט באדארפט געבן דאָס ווירקלעכע בילד פון די רעאלע קלאסן־קויכעס פון דער רעוואָליוציע. דער מעטאָד האָט באדארפט זײַן א רעאליסטישער און ניט קיין שילעריש־ראָמאנטישער, ווײַל אויך אינעם קינסטלערישן שאפן לאָזט זיך ראָמאנטיק כאראקטעריזירן דורך ענגעלס איראָנישער באמערקונג, וואָס ער מאכט וועגן ראָמאנטיק אין זײַן ארבעט „די רעוואָליוציע און קאָנטררעוואָליוציע אין דײַטשלאנד", נעמלעך: „ווי טרויעריק, וואָס ראָמאנטיק איז אזוי שוואך אין אריפמעטיק". די דאָזיקע שוואכקײַט אין „היסטאָרישער אריפמעטיק" — דאָס הייסט די שוואכקײַט בענעגייע ארויסברענגען אין אן אדעקוואטער געשטאלטלעכער פאָרם דאָס בילד פון די רעאלע קלאסן־פארהעלטענישן און קלאסן־קאָליזיעס — האָט אויך פון דעם עסטעטישן דערקענטעניש־שטאנדפּונקט שטארק געשאט לאסאלס היסטאָרישער דראמע.

לאסאלס שילעריזאציע האָט אויך געבראכט צו דעם, אז די הויפּט־געשטאלט זיקינגען זאָל זײַן „געשילדערט צו אבסטראקט". (מארקס)

מארקס ווארפט אויף לאסאלן, אז די כאראקטערס פארמאָגן ניט קיין באזונדערע אינדיווידועלע שטריכן. פון דעם דארף מען אָבער אין קיין פאל ניט דרינגען, אז מארקס פאָדערט פון דער ליטעראטור אָט די „מיִעסע אינדיווידואליזאציע", וועגן וועלכער ענגעלס רעדט אין זײַן בריוו צו לאסאלן וועגן „פראנצן". ענגעלס שענקט דעם דאָזיקן מאָמענט א ברייטערע באהאנדלונג אין זײַן בריוו צו לאסאלן:

„איר טרעט אינגאנצן מיט רעכט ארויס קעגן דער איצט הערשנדיקער מיִעסער אינדיווידואליזאציע, וועלכע באשטייט פון קליינלעכן קליגן זיך און שטעלט פאָר דעם וועזנטלעכן סימען פון דער אויסגעהויכטער עפּיגאָנישער

ליטעראטור. מיר דוכט אָבער, אז די פערזענלעכקײַט ווערט כאראקטעריזירט ניט בלויז דורכ דעמ, וואָס זי טוט, נאָר אויכ דורכ דעמ, וויאזוי זי טוט עס. אונ פונ אָט דער זײַט, מיינ איכ, וואָלט דער אידייִשער אינהאלט פונ אײַער דראמע ניט געשאט, ווענ די באזונדערע כאראקטערס וואָלטנ געווענ אביסל שארפער פאנאנדערגעגרענעצט אונ אנטקעגנגעשטעלט איינער צומ אנדערנ. די כאראקטעריסטיק פונ די אנטיקע (שרײַבער. — ש. ב.) איז אינ אונדזוער צײַט שוינ ניט קיינ גענוגנדיקע, אונ דאָ, דוכט מיר, וואָלט איר אָנ שאָדנ געקאָנט אביסל מער רעכענענ זיכ מיטנ באטײַט פונ שעקספירנ אינ דער אנטוויקלונג־געשיכטע פונ דער דראמע".

אינ דער נאָרוואָס געבראכטער ציטאטע פונ ענגעלסנ וועגנ דער כאראקטער־שילדערונג ווערנ אָנגעצייכנט צוויי קעגנזעצלעכע שטאנדפונקטנ בענעגייע דעמ מעטאָד פונעמ קינסטלערישנ שאפנ. דער אידעאליסטיש־שילערישער שטאנדפונקט לאָזט זיכ אזוי פאָרמולירנ: דער מענטש איז דאָס, וואָס ער איז, אָדער וואָס ער טוט. דער רעאליסטישער שטאנדפונקט קאָנ אזוי פאָרמולירט ווערנ: דער מענטש, דער קאָנקרעטער מענטש, איז ניט בלויז דאָס, וואָס ער טוט, נאָר אויכ דאָס, וויאזוי ער טוט עס. דער ערשטער שטאנדפונקט אנטשפרעכט צו דער שילערישער עטיציזירנדיקער עסטעטישער קאָנצעפציע, ווו דער מענטש ווערט אבסטראקט אופגעפאסט. דער דאָזיקער מענטש שוועבט איבער דער קאָנקרעטער געזעלשאפטלעכ־קלאסעווער סוויווע; ער ווערט אפ אנ אבסטראקטנ אויפנ אָפגעפרעמדט פונ איר. דער צווייטער שטאנדפונקט גייט ארויס פונ א היסטאָרישנ רעאלנ קוק אפנ מענטשנ: דער מענטש ווערט גענומענ אינ זײַנ קאָנקרעטנ קלאסנ־זײַנ, אינ פארבינדונג מיטנ קאָנקרעטנ כאראקטער פונ זײַנע טאטנ, אינ א רעאלער געזעלשאפטלעכער פארבינדונג מיט אנדערע מענטשנ, וואָס באשטימענ דעמ זינ אונ אויפנ פונ זײַנע טאטנ. אינעמ ארײַנפיר „צו דער קריטיק פונ דער פאָליטישער עקאָנאָמיע" גיט מארקס א קלאסיש־אויסשעפנדיקע דערקלערונג וועגנ דעמ „זײַנ" פונ דער פערזענלעכקײַט: „דער מענטש איז אינעמ בוכשטעבלעכנ זינענ א zoon politicon; ניט בלויז א געזעלשאפטלעכע כײַע, נאָר ביז אזא גראד א געזעלשאפטלעכע כײַע, וואָס נאָר אינ דער געזעלשאפט קאָנ ער זיכ אויכ אויסטיילנ אלס א זעלבשטענדיקער איינס".

די שעקספיר־ליניע אינ דער קונסט, דאָס הייסט דער רעאליסטישער שעפערישער מעטאָד, לאָזט ניט ארויס פונ אויג דעמ דאָזיקנ מאָמענט (זאָל זײַנ, אז עס ווערט געטאָנ, אָדער עס איז ביז איצט געטאָנ געוואָרנ סטיכייִש). דער דאָזיקער מעטאָד איז דעריבער אימשטאנד צו געבנ א פארהעלטניסמעסיק אדעקוואטערע (בענעגייע דער ווירקלעכקײַט) געשטאלטלעכקײַט אונ אָפּצושפיגלענ ריכטיקער דעמ היסטאָרישנ פראָצעס. די שילערישע ליניע אינ דער קונסט־שאפונג, דאָס הייסט דער ראָמאנטיש־שעפערישער מעטאָד באטראכט דעמ מענטשנ אויסער די קאָנקרעטע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ, ער פרעמדט אימ אָפּ פונ זיי,

דער מענטש הייבט אָנ אפּ אזא אויפנ שוועבנ איבער די רעאלע קלאסנ־פאַרהעלטענישנ, זײַנ פרײַהײַט איז א ריינ ראָבינזאָנישע, אונ מיט דעמ אליינ ווערט זי איבעריק. מיט איינ וואָרט, דער „צײַט־גײַסט", אויב מיר זאָגנ זיכ אויסדריקנ בילדעריש, פרעסט אופּ זײַנע אייגענע קאָנקרעטע טרעגער אונ בלײַבט אליינ דער זעלבסטהערשער.

פונ דעמ, מיינענ מיר, איז קלאָר, אז קיינ גרויסע עסטעטישע דערקענטעניש־ווערטנ קאָנ די שילערישע ליניע אינ דער קונסט ניט שאפנ, די ביז איצטיקע געשיכטע פונ דער קונסט אינ אלע אירע צווײַגנ באשטעטיקט עס [1]. די עסטעטישע דערקענטעניש־ווערטנ פונ באלזאקנ, לעמאָשל, וועלנ לעבנ לענגער, איידער פונעמ ראָמאנטיקער הוגאָ. ווי לאנג מיר שטודירנ די בורזשואזע געזעלשאפט פונ פראנקרײַכ אינ דער ערשטער העלפט פונ XIX י. ה., קאָנענ מיר זיכ ניט באגיינ אָנעמ ריזיקנ בינינ, וואָס באלזאק האָט געשאפנ אינ דער ליטעראטור.

ווײַטער, ווארפט אויס מארקס לאסאלנ, אז אינ באזונדערע ערטער האָט ער דערלאָזט „איבערגעטריבענע רעפלעקסיזירונג פונ די האנדלענדיקע פערזאָנענ איבער זיכ אליינ, רעפלעקסיזירונג, וואָס דרינגט ארויס פונ דײַנ פּניעסדיקער באציונג צו שילערנ". (מארקס)

דאָס דאָזיקע איבערגעטריבענע רעפלעקסיזירונג איבער זיכ אליינ איז ביכ־

---

[1]) פונ דעמ דארפ מענ בעשומויפנ ניט דרינגענ, אז דער סאָציאליסטישער רעאליזמ שליסט אבסאָליוט אויס רעוואָליוציאָנערע ראָמאנטיק. פארקערט, גראָד דער סאָציאליסטישער רעאליזמ, וואָס פאר אימ איז די אופגאבע פונ דער קונסט ניט בלויז צו דערקענענ די ווירקלעכקײַט, ניט בלויז צו געבנ דעמ עמעס פונעמ לעבנ, נאָר אויכ איבערצובויענ די ווירקלעכקײַט אפּ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ, — איז ווירקלעכ אימשטאנד צו דערהייבנ דעמ ראָמאנטישנ עלעמענט צו א רעוואָליוציאָנער־שעפערישנ פאקטער.

דער ריזיקער העראָיזמ פונ אונדזער צײַט, אונדזערע העלע פּערספּעקטיוונ בענעגייע צו דער צוקונפט, מיט איינ וואָרט, אונדזערע „פראָסטער וווּנדער", — דאָס אלצ שאפט דימ בעסטנ שטאָפ פאר רעוואָליוציאָנערער ראָמאנטיק. די רעוואָליוציאָנערע ראָמאנטיק טאָר מענ, פארשטייט זיכ, בעשומויפנ ניט אידענטיפיצירנ מיט דער רעאקציאָנערער ראָמאנטיק, אָדער אפילע מיט דער ראדיקאלער קליינבירגערלעכער ראָמאנטיק. די דאָזיקע מינימ ראָמאנטיזמענ זײַנענ געווענ אנ אויסדרוק פונעמ דראנג צו אנטלויפנ פונ דער ווירקלעכקײַט, אנ אויסדרוק פונ סאָציאלער אָנמעכטיקײַט אונ היסטאָרישער פּערספּעקטיוולאָזיקײַט, בייס דער ראָמאנטישער עלעמענט אינעמ סאָציאליסטישנ רעאליזמ פאָדערט די ענגסטע פארבינדונג מיט דער רעאל־רעוואָליוציאָנערער ווירקלעכקײַט, באטײַט שפּירנ אונ קינסטלעריש רעפּראָדוצירנ דעמ העראָיזמ פונ אונדזער גרויסער צײַט, זענ, ווי עס וואקסט אויס דער מענטש פונ דער סאָציאליסטישער צוקונפט.

קאָנקרעט־שעפעריש קאָנ זיכ די רעוואָליוציאָנערע ראָמאנטיק אויסדריקנ, אשטייגער, אינ דעמ, אז אינעמ קינסטלערישנ ווערק זאָל געלייגט ווערנ ווייניקער אכט אפּ דער שטייגער־שילדערונג, אינ זינענ פונ ארויסברענגענ איינצלנע דעטאלנ. אינעמ ארײַנברענגענ עלעמענטנ פונ רעוואָליוציאָנערער ראָמאנטיק דארפ מענ אָבער ניט אײַנזענ קייג שומ שאָדנ פארנ סטיל פונ סאָציאליסטישנ רעאליזמ. די רעוואָליוציאָנערע ראָמאנטיק געפינט זיכ ניט אינ קעגנזאצ צומ סאָציאליסטישנ רעאליזמ, נאָר זי איז אינ א געוויסער מאָס אנ אָרגאניש־שעפערישער באשטאנדטייל פונ סטיל פונ סאָציאליסטישנ רעאליזמ.

לאַל כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ראָמאַנטישער שול אינ דער ליטעראַטור. מיד באַגעגענע עס באַמ רעאַקציאָנערנ ראָמאַנטיקער שאַטאָבריאַנ, באַ דעמ ראַדיקאַלנ קליינבירגערלעכנ ראָמאַנטיקער הוגאָ, באַ שילערנ גופע א. אז. וו.

ווײַטער, קריטיקירנדיק די ניט־ריכטיקע, ניט־אַדעקוואַטע פאַנאַנדערשטעלונג פונ די קויכעס אינ „פראַנצ פאָנ זיקינגענ”, — די פאַנאַנדערשטעלונג, וועלכע האָט אינ רעזולטאַט געבראַכט צומ פאַרמינערנ די עסטעטישע דערקענטעניש־ווערטנ פונ דער דראַמע, ווײַזט אָנ ענגעלס לאַסאַלנ, אַז די סיבע פונ דעמ ליגט אינעמ שילערישנ שעפערישנ מעטאָד, מיט וועלכנ לאַסאַל האָט זיכ באַנוצט. „מיר דוכט זיכ דעריבער, — שרײַבט ענגעלס צו לאַסאַלנ, — אַז אויכ באַ אײַער קוק אַפ דראַמע, וועלכע איז פונ מײַנ שטאַנדפונקט, ווי איר ווײט געוויס פאַרשטיינ, צופיל אַבסטראַקט, ניט גענוג רעאַליסטיש, וואָלט די פויערשע באַוועגונג פאַרדינט אַ גרעסערע אויפמערקזאַמקײַט; די פויערשע סצענע מיט יאָסט פריצנ איז, עמעס, כאַראַקטעריסטיש, אונ די אינדיווידואַליטעט פונעמ דאָזיקנ „בונטאָוושטשיק” איז געשילדערט זייער ריכטיק, זי שטעלט אָבער ניט גענוג וואָגיק פאָר, אינ קעגנזאַצ צו דער באַוועגונג פונעמ אַדל, די כוואַליע פונ דער פויערשער באַוועגונג, וואָס האָט זיכ שוינ דעמלט געהאַט הויכ אויפגעהויבנ. לויט מײַנ קוק אַפ דער דראַמע, וואָס לויט אימ טאָר מענ ניט איבער דעמ אידייִשנ מאָמענט פאַרגעסנ דעמ רעאַליסטישנ, צוליב שילערנ — שעקספירנ, וואָלט דאָס צוציִענ די דעמלטיקע אַזוי ווונדערלעכ־בונטע פּלעבייִשע געזעלשאַפטלעכקײַט געגעבנ נאָכ אַ גאָר נײַעמ מאַטעריאַל אַפ לעבעדיק צו מאַכנ די פיעסע, ס׳וואָלט געגעבנ אַנ אומשעצבאַרנ פאָנ פאַר דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פונעמ אַדלטומ, וואָס שפילט זיכ אָפּ אַפ דער אַוואַנסצענע, עס וואָלט צומ ערשטנ מאָל באַלויכטנ, ווי עס באַדאַרפ צו זײַנ, די דאָזיקע באַוועגונג גופע”.

לאַסאַלס שעפערישער מעטאָד איז אָבער ניט קיינ צופעליקער, ער דרינגט אַרויס פונ זײַנ פאַרשטיינ די טרײַב־קויכעס פונ דער רעוואָליוציע, פונ זײַנ אָפּשאַצנ די ראָליע פונעמ פויערטומ אינ דער רעוואָליוציע פונ XVI יאָרהונדערט אינ דײַטשלאַנד. אינ זײַנ ענטפער־בריוו פונ 27 מײַ 1859 יאָר צו מאַרקסנ אונ ענגעלסנ וועגנ „פראַנצנ” שרײַבט לאַסאַל: „יעדעס הײַפל פויערימ טראַכט נאָר וועגנ זיכ. ווי נאָר עס האָט פאַרברענט די שלעסער אינ זײַנ קרײַז, איז אימ שוינ אַבסאָליוט אַלצייִנס, וואָס עס קומט פאָר מיט די פויערימ פונעמ שכיינישנ קרײַז. באַזונדערס גרויס האָט שוינ די שילדערונג פונעמ דאָזיקנ העסלעכנ אונ שמאָלקעפיקנ עגאָיִזמ, פונ דער דאָזיקער פולשטענדיקער אָפּוועזנדיקײַט פונ יעטווידנ געזעלשאַפטלעכנ געפיל ניט געקאָנט ווערנ!”[1]

שטייענדיק אַפ די דאָזיקע פאַלשע פּאָזיציעס, איז לאַסאַל אַרײַנגעפאַלנ אינ דער שילעריזירונג, וועגנ וועלכער עס רעדנ מאַרקס אונ ענגעלס. אַזוי האָבנ מיר אינ לאַסאַלס „זיקינגענ”, וואָס אונטערשיידט זיכ נאָר מיט זײַנע

[1] „Лит. наследство“ №3. 1932. стр. 39.

פערזענלעכע מײַלעס פונעם „נעבעכדיקן סוביעקט״ געץ, דיזעלביקע „טראגישע אָפּאָזיציע פונעם ריטערטום קעגן דעם אימפּעראַטאָר און קעגן די פירשטן״. געטע האָט אָבער דעם „נעבעכדיקן סוביעקט״ געץ געשילדערט אין אַן אדעקוואטער, רעאַליסטישער פאָרם. אונטערשרײַבנדיק זיך אינגאנצן אונטער מארקס כאראקטעריסטיק פון געצן, אַז ער איז א „נעבעכדיקער סוביעקט״, איז אָבער לאַסאַל ניט מאסקים מיט מארקסן אין דעם, וואָס ער לויבט געטען פאר דער היסטאָריש־אדעקוואטער אויסדריקלעכקײַט פון זײַן געץ. לאַסאַל באַשולדיקט געטען אין דער אָפּוועזנדיקײַט פון א היסטאָרישן כוש, וואָס דאָס האָט מעגלעך געמאַכט, ער זאָל מאַכן דעם רעטראָגראַדן פארשוין געץ פאַר דעם העלד פון א טראַגעדיע [1]). לאַסאַלס פארביטערטע ארגומענטאַציע קעגן געטען איז אָבער ווינציק וואָס איבערצײַגנדיק.

געטע האָט אינדערעמעסן געצן געשילדערט רעאַליסטיש. ער האָט דערייבער היסטאָריש דעזאַוווירט די „ראָמאַנטיק, וואָס איז אזוי שוואַך אין אַריפּמעטיק״ (ענגעלס),— א ריטערלעכע געשטאַלט איז רעאַליסטיש אנטפּלעקט געוואָרן. און בײַס געטע שליסט זײַן דראַמע מיט דער לאַמענטאַציע, וואָס ער לייגט ארײַן אין מויל פון לערסען:

„Edler Mann! Edler Mann! Wehe dem Iahrhundert, das dich von sich stiess! Wehe der Nachkommenschaft, die dich verkennt!“

(„איידעלער מענטש! איידעלער מענטש! ווײ איז דעם יאָרהונדערט, וואָס האָט יך פון זיך אָפּגעשטויסן! ווײ די נאָכקומענדיקע, וואָס דערקענען דיך ניט!)״ איז דאָס ניט מער, ווי א איראָנישער אקאָרד, וואָס קלינגט זיך איבער מיט, דער אײַזערנער קינסטלערישער היסטאָרישער באַגרינדונג, מיט וועלכער דער גאָניאַלער געטע האָט דערוויזן דעם אומפאַרמײַדלעכן טראַגישן אומקום פונעם „נעבעכדיקן סוביעקט״ געץ.

---

[1]) „Лит. наследство“ № 3. 1932. стр. 31.

געטע—שילער

דײַטשלאַנד האָט פאַר די לעצטע פּאָר יאָר געפּײַערט צוויי יובילייענ פונ צוויי גרויסע גענִיאַלע פּערזענלעכקײַטנ, וואָס ביידע געהערנ זיי צומ אופשטײַג־פּעריאָד פונ דער דײַטשישער בורזשואַזיע.

פריִער האָט דײַטשלאַנד געפּײַערט דעמ הונדערטיאָריקנ יובילײ פונ העגעלנ — דעמ גענִיאַלסטנ קאָפּ פונ דער דײַטשישער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע, דערנאָך—דעמ גענִיאַלסטנ פּאָעט אונ דענקער געטע. אינ ביידע יובילייענ האָט די דײַטשישע בורזשואַזיע אַנטפּלעקט דעמ גאַנצנ רעאַקציאָנערנ צוגאַנג אירנ צו דער רײַכער קולטור־יערושע פונ איר אייגענער פאַרגאַנגענהײַט.

די בורזשואַזע געלערנטע זײַנענ געקראָכנ פונ דער הויט צו מיסטיפיצירנ העגעלנ. קיינער פונ די „דיפּלאָמירטע לאַקייענ" פונ.דער בורזשואַזיע האָט ניט געמאַכט קיינ פּרוּוו העגעלנ „צו שטעלנ אַפ די פיס". דאָס ראַציאָנעלע, דאָס פּאָזיטיווע, דאָס פּראָגרעסיווע, וואָס איז פאַראַנ אינ דער פילאָסאָפיע באַ דעמ גרויסנ אידעאַליסט, האָט מענ אָפּגעוואָרפנ, אָדער מע האָט דאָס טעאָלאָגיזירט אינעמ גײַסט פונ די איצטיקע קלאַסנ־באַדערפענישנ פונ דער דײַטשישער בורזשואַזיע. אַזויאַרומ איז מיט דער הילפּ פונ דער צערייצטער רעאַקציאָנערער פאַנטאַזיע פונ די בורזשואַזע אידעאָלאָגנ אַפנ פילאָסאָפישנ פראָנט געשאַפנ געוואָרנ א „נײַער" העגעל.

צו העפּטיק זײַנענ די קלאַסנ־שלאַכטנ, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט פירט קעגנ דער בורזשואַזיע אינ דײַטשלאַנד, צו טיפ איז דער יערידע־צושטאַנד פונ דער בורזשואַזער קולטור, אַז די בורזשואַזיע זאָל זײַנ פאַרינטערעסירט אונ אימשטאַנד צו יאַרשענענ דאָס פּראָגרעסיווע פונ איר אייגענער פאַרגאַנגענהײַט. דער איינציקער מעטאָד, וואָס די בורזשואַזיע ווענדט אָנ צו דער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהײַט, איז — מיסטיפיקאַציע אונ פאַלסיפיקאַציע.

אַראָפּ דער מאַטעריִאַליזמ! לעבנ זאָל די מיסטיק! — אינ אָט דעמ גײַסט שאַפנ איצט די פאַשיסטנ אַפנ פילאָסאָפישנ פראָנט די נעאָהעגעליאַנערײַ. אונ וואָס אָנבאַלאַנגט דעמ כאַראַקטער פונ דער פילאָסאָפישער ערודיציע, דער פאַקטישער העגעל־קענטעניש, וואָס די פאַרשיידנערלײ בורזשואַזע פּראָפעסאָרנ האָבנ אַרויסגעוויזנ אינ די העגעל־פײַערונגענ, — איז צו דעמ פּאַסט זייער גוט צו העגעלס פּאָר גיפטיקע איראָנישע ווערטער, וועלכע דער אַלטער העגעל האָט באַנוצט באַ אַנ אַנדער געלעגנהײַט: „פינדעסטוועגנ ווײַזנ געלערנטע אָפטער אַרויס זייער געלערנטקײַט אַפ אַלטערטימלעכע דענקער, ווײַל דאָרט, ווו מיר

ווייסנ ווינציקער פונ אלצ, קאָנענ מיר זײַנ מער פונ אלצ געלערנטע" (העגעל. „לעקציעס איבער געשיכטע פונ פילאָסאָפיע". בוכ 1, ז. 154. 1932. רוס.).

אזוי זײַנענ פאָריבער די העגעל־פײַערונגענ אינ דײַטשלאנד אונ אויכ אזא איז געווענ זייער אָפּקלאנג אינ די בורזשואזע קרײַזנ פונ די איבעריקע לענדער. אויכ די געטע־פײַערונגענ זײַנענ אינ דײַטשלאנד געקומענ מיט זייער איצטיקנ בורזשואזנ „גוירל צוגעבונדנ צומ נאקנ". בא דעמ איצטיקנ פארשארפטנ קלאסנקאמפּ אינ דײַטשלאנד איז די געטע־פײַערונג פארוואנדלט געוואָרנ אינ א מיטל, מיט וועלכנ די בורזשואזיע האָט געוואָלט פארדעקנ די שארפע קלאסנ־קעגנזאצנ אינ דער צײַט פונ דער העכסטער צעפוילונג פונעמ קאפּיטאליזמ. די רעוואָליוציאָנערע לאָזונגענ פונ דער קאָמוניסטישער פארטיי אינ דײַטשלאנד האָט די בורזשואזיע געוואָלט קעגנשטעלנ דעמ רופ צו פארייניקנ די גאנצע דײַטשישע נאציע ארומ די נאציאָנאלע געניעס פונ איר פּראָגרעסיווער פארגאנגענהײַט. עס איז איבעריק צו דערווײַזנ, אז די בורזשואזיע איז אבסאָליוט ניט געווענ פאריגטערעסירט אונטערצושטרײַכנ דאָס פּראָגרעסיווע, דאָס רעאליסטישע בא געטענ. פארקערט, אירע פּראָפעסאָרנ אונ געלערנטע האָבנ אלצ געטאָנ, קעדיי צו מיסטיפיצירנ אונ וווּלגאריזירנ דאָס פּראָגרעסיווע אונ ווערטפולע אינ געטעס שאפונג. אינ דער זעלביקער צײַט האָבנ זיי ניט געקארגט קיינ קויכעס צו צעשמירנ דאָס פיליסטערישע אונ בורזשואז־באגרענעצטע, וואָס איז געווענ בא געטענ.

א געוויסנ דיסאָנאנס אינ די געטע־פײַערונגענ, וואָס זײַנענ געגאנגענ אונטערנ צייכנ פונ הורא־נאציאָנאליזמ אונ קלוימערשט איינהײַטלעכער דײַטשישער נאציע, האָבנ מיט זיכ פאָרגעשטעלט די עלעגישע טענער, וואָס האָבנ זיכ געלאָזט הערנ אינ די ארויסטרעטונגענ פונ אייניקע פאָרשטייער פונ דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ. אינ 1859 יאָר האָבנ נאָכ קליינבירגערלעכע ראדיקאלנ אײַנגעזענ אינ די שילער־פײַערונגענ א דערוויז פונ דער „גײַסטיקער איינהײַט" פונעמ דײַטשישנ פאָלק, איצט אָבער האָבנ געוויסע טיילנ פונ דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענצ דערשפּירט בייס די געטע־פײַערונגענ, אז דער לאָזונג „צוריק צו די דײַטשישע געניעס" קאָנ שוינ ניט ראטעווענ דאָס איצטיקע דײַטשלאנד. זיי האָבנ דערפילט די גאנצע פאלשקײַט פונ דער דײַטשישער „גײַסטיקער איינהײַט", ווי פונ דער דײַטשישער „נאציאָנאלער איינהײַט" ביכלאל. ס'פארשטייט זיכ, אז אויכ די דאָזיקע קרײַזנ זײַנענ ניט געווענ אימשטאנד צו דערזענ געטענ אינ זײַנ עמעסער שײַנ.

דאָס איז אינקורצנ דער סאכאקל, ווי עס האלט אינעמ בורזשואזנ אונ קליינבירגערלעכנ לאגער מיט דער פּראָגרעסיווער קולטור־יערושע. דעמ דײַטשישנ פּראָלעטאריאט וועט שוינ אויסקומענ ניט בלויז אפּ שטענדיק א סאָפּ צו מאכנ מיט דער איצטיקער בורזשואזער אָרדענונג אינ דײַטשלאנד, נאָר אויכ צו דערפירנ צומ באוווסטזײַנ פונ די ברייטע מאסנ דעמ ווירקלעכנ באטײַט פונ דער פּראָגרעסיווער יערושע פונ דער בורזשואזער פארגאנגענהײַט. דעמלט וועט

פאר מיליאָנען דײַטשישע ארבעטער און ארבעטנדיקע ווערן קלאָר, וויאַזוי די גרונטלייגער פון מארקסיזם האָבן געלערנט צו פארשטיין דאָס גרויסע, דאָס געניאַלע, וואָס די בורזשואזע אידעאָלאָגן פון דער דײַטשישער בורזשואַזיע האָבן געשאפן, ווען די בורזשואַזיע איז נאָך געווען א פּראָגרעסיווער קלאַס, ווען זי האָט נאָך אליין „געפירט געפעכטן" מיטן אָפּשטארבנדיקן פעאָדאַליזם.

ווי ס'איז באוווסט, האָבן מארקס און ענגעלס ניט בלויז הויך געשעצט דעם געניאַלן אידעאַליסט העגעלן פאר זײַן דיאַלעקטיק, פאר זײַן היסטאָריזם, מארקס און ענגעלס האָבן ניט בלויז „געשטעלט העגעלן אף די פיס" און אזויארום אים אויסגענוצט פאר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פונעם פילאָסאָפישן געדאנק אינעם דיאַלעקטיש־מאטעריאַליסטישן זינען פון וואָרט, נאָר זיי האָבן אויך געלערנט זײַערע נאָכפאָלגער צו שעצן און פארשטיין דעם געניאַלן פּאָעט געטע. פאר מארקסן און ענגעלסן איז געטע געווען די פארקערפערונג פון דאָס געניאַלע אין דער דײַטשישער דיכטונג פאר דער צווייטער העלפט פונעם XVIII י. ה. און פאר די ערשטע דרײַ צענדליק יאָר פונעם XIX י. ה. דאָס הייסט ניט, פארשטייט זיך, אז מארקס און ענגעלס האָבן פארזען די אלע שוואכע זײַטן פון געטעס לעבן און שאפן. פארקערט, זיי האָבן די ערשטע ווייסנשאפטלעכע אנטפלעקט געטעס היינטערשטעליקײַט, ווי א היינטערשטעליקײַט, וואָס האָט געהאט אירע וואָרצלען אין די דעמאָלטיקע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן פון דײַטשלאנד, נעמלעך, אין דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אָפּגעשטאנענקײַט פון דײַטשלאנד.

אָט ווי ענגעלס האָט אין זײַן בריוו אין „צאָפן־שטערן" פאר אָקטיאבער 1845 געשילדערט די דאָזיקע עפּאָכע אין דײַטשלאנד:

„דאָס איז געווען א פוילנדיקע און זיך פאנאנדערלייגנדיקע מאסע. קיינער האָט זיך ניט געפילט גוט. די האנטווערקערײַ, דער האנדל, די אינדוסטריע און די לאנדווירטשאפט זײַנען דערפירט געוואָרן ביז צום אומבאדײַטנדיקסטן פארנעם. די פּויערים, די סאָכרים און האנטווערקער האָבן געפילט א צווייענדיקן יאָך: מיצאד דער בלוטדאָרשטיקער רעגירונג און מיצאד דעם שלעכטן צושטאנד פונעם האנדל. דאָס אדלטום און די פירשטן האָבן געהאלטן, אז ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן אלץ ארויסגעקוועטשט פון זײַערע אונטערטעניקע, דארפן זײַערע האכנאָסעס ניט אָפּשטיין פון זײַערע וואקסנדיקע הוצאָעס. אלץ איז געווען שלעכט, און אין לאנד האָט געהערשט אן אלגעמיינע אומצופרידנקײַט. עס איז ניט געווען קיין בילדונג, קיין מיטלען פון אופווירקן אף די קעפּ פון די מאסן, קיין פרײַע פרעסע, ס'איז ניט געווען קיין וויפל ס'ניט איז באדײַטנדיקער האנדל מיט אנדערע לענדער, אומעטום — בלויז מיִעסקײַט און עגאָיִזם... אלץ איז געווען דורכגעפוילט, האָט זיך געוואקלט, איז געווען גרייט אומצופאלן, און מע האָט אפילו ניט געקאָנט האָפן אף א גינסטיקער ענדערונג, ווײַל אינעם פאָלק איז ניט געווען אזא קראפט, וואָס וואָלט

געקאָנט אָפּראמענ די פוילנדיקע בארמענענס פונ די אָפּגעלעבטע אינסטיטוציעס.

די איינציקע האָפענונג אפ בעסערע צײַטנ האָט מענ געזענ אינ דער ליטעראטור. די דאָזיקע שענדלעכע פּאָליטישע אונ סאָציאַלע עפּאָכע איז אינ דער זעלביקער צײַט געווענ די גרויסע עפּאָכע פונ דער דײַטשישער ליטעראטור. ארומ 1750 יאָר זײַנענ געבאָרנ אלע גרויכע קעפּ פונ דײַטשלאנד: די פּאָעטנ געטע אונ שילער, די פילאָסאָפנ קאנט אונ פיכטע, אונ צוואנציק יאָר דערנאָכ — דער לעצטער גרויסער דײַטשישער מעטאפיזיקער העגעל. איטלעכ מערקווירדיק ווערק פונ דער דאָזיקער עפּאָכע איז דורכגעדרונגענ מיטנ גײַסט פונ פּראָטעסט, מיט אופגעבראכטקײַט קעגנ דער דעמלטיקער דײַטשישער געזעלשאפט. געטע האָט אָנגעשריבנ „געצ פאָנ בערליכינגענ", א דראמאטישנ לויב דעמ אָנדענק פונ א רעוואָליוציאָנער. שילער האָט אָנגעשריבנ „די רויבער", לויבנדיק דעמ גרויסמוטיקנ יונגנ מענטשנ, וואָס האָט דערקלערט אנ אָפּענע מילכאָמע דער גאנצער געזעלשאפט — דאָס זײַנענ אָבער געווענ זייערע יוגנטווערק. מיט דער צײַט האָבנ זיי פארלוירנ יעטווידע האָפענונג. געטע האָט זיכ באגרענעצט מיט געוואגטע סאטירעס, אונ שילער וואָלט ארײַנגעפאלנ אינ פארצווייפלונג, אויב ער וואָלט ניט געפונענ קיינ אָרעמיקלעט אינ דער וויסנשאפט, אונ באזונדערס אינ דער גרויסער געשיכטע פונעמ אלטנ גריכנלאנד אונ רוימ. לויט זיי קאָנ מענ אורטיילנ וועגנ אלע איבעריקע. אפילע די בעסטע אונ די שטארקסטע קעפּ פונעמ פאָלק האָבנ פארלוירנ יעטווידע האָפענונג אפ דער צוקונפט פונ זייער לאנד" [1]).

אינ דער אלזײַטיקער כאראקטעריסטיק פונ דײַטשלאנד פונ יענער צײַט, וואָס עס גיט אונדז ענגעלס, איז קלאָר צו זענ די גאנצע אָפּגעשטאנענקײַט פונ דער דײַטשישער בורזשואזיע. אפילע די בעסטע פאָרשטייער פונ דער דײַטשישער בורזשואזיע האָבנ געלעבט מיט זייערע „קליינע מײַסימ אונ גרויסע איליוזיעס" (מארקס — ענגעלס). אינ כאראקטער פונ דער טעאָרעטיזיר־טעטיקײַט בא די בורזשואזע אידעאָלאָגנ פונ דער צווייטער העלפט XVIII אונ אָנהייב XIX י. ה. אינ דײַטשלאנד וואַרפט א העלע שײַנ מארקס אונ ענגעלס כאראקטעריסטיק, וואָס ווײַזט אָנ, ווי אבסטראקט דער פראנצויזישער ליבעראליזמ האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט בא די דעמלטיקע דײַטשישע בורזשואזע טעאָרעטיקער: „די כאראקטעריסטישע פאָרמ, וועלכע ס'האָט אָנגענומענ אינ דײַטשלאנד דער פראנצויזישער ליבעראליזמ, וואָס האָט זיכ אָנגעשפּארט אפ ווירקלעכע קלאסנ־אינטערעסנ, טרעפנ מיר ווידער בא קאנטנ. ער, ווי אויכ די דײַטשישע בורזשוא, וואָס זייער אדוואָקאט איז ער געווענ, האָט ניט באמערקט, אז אינ גרונט פונ די דאָזיקע טעאָרעטישע געדאנקענ פונ די בורזשוא זײַנענ געלעגנ מאטעריעלע אינטערעסנ אונ א ווילנ, באשטימט אונ באדינגט דורכ מאטעריעלע פּראָדוקציע־פארהעלטענישנ. ער האָט דעריבער אָפּגעטיילט דעמ דאָזיקנ

[1]) М. и Э. Соч. т. V. стр. 6—7.

טעאָרעטישנ אינטערעס פונ די אינטערעסנ גיפע אונ האָט פארוואנדלט די מאטעריעל־באדינגטע ריכטונג פונעמ ווילנ פונ די פראנצויזישע בורזשוא אינ ריינער זעלבסטבאשטימונג פונ „פרײַענ ווילנ", פונ ווילנ אנ אונ פאר זיכ, ווי פונ א מענטשלעכנ ווילנ, מאכנדיק אפ אזא אויפנ פונ אימ א ריינעמ אידעאָ־לאָגישנ באגריפ אונ פּאָסטולאט פונ זיטלעכקײַט"[1].

די דאָזיקע צײַט אינ דײַטשלאנד איז פונדעסטוועגנ דער העכסטער אופ־שטײַג־פעריאָד פונ איר פילאָסאָפיע אונ ליטעראטור. די רעאלע קלאסנ־פראקטיק פונ פראנקרײַכ אונ ענגלאנד, אָפּשפיגלענדיק זיכ אינ די קעפ פונ די בורזשואזע אידעאָלאָגנ פונעמ דעמלטיקנ דײַטשלאנד, האָט געווירקט, אז אינ דײַטשלאנד זאָל זיכ שאפנ א גרויסע פילאָסאָפיע אונ ליטעראטור.

פאר מארקסנ אונ ענגעלסנ איז די קלאסישע דײַטשישע ליטעראטור (הויפּט־זעכלעכ אינ געשטאלט פונ געטענ), פונקט ווי די קלאסישע דײַטשישע פילאָ־סאָפיע, געווענ אנ אויסדרוק פונ די גרויסע קולטור־ווערטנ, וואָס דײַטשלאנד האָט צו יענער צײַט געשאפנ. בא פארשיידענע געלעגנהײַטנ האָבנ די גרונט־לייגער פונעמ מארקסיזמ ניט אופגעהערט אונטערצושטרײַכנ דאָס. אינ געטעס שאפנ האָבנ זיי אײַנגעזענ גרויסע עסטעטישע דערקענטעניש־ווערטנ.

מארקס אונ ענגעלס האָבנ מער ווי אנדערע געשעצט אזעלכע פּראָגרעסיווע הויכ־קינסטלערישע ווערק, ווי „פאוסט" אונ „געצ"[2]. זיי זײַנענ שטארק אָנ־געפאלנ אפנ פּאָרשטייער פונ „עכטנ סאָציאליזמ" אינ דער ליטעראטור, קארל גריונ, ווענ ער האָט געפּרווט דעמ געניאלנ פּאָעט געטע אויסטײַטשנ פיליס־טעריש, אימ פארוואנדלענ אינ א טיפּישנ דײַטשישנ פיליסטער.

מארקס אונ ענגעלס, וועלכע האָבנ אזוי לײַדנשאפטלעכ זיכ געמיט צו דער־קענענ די וועלט, קעדיי זי איבערצובויענ אפ א רעוואָליוציאָנערנ אויפנ, האָבנ אינ קיינ פאל ניט געקאָנט בלײַבנ גלײַכגילטיק צו די גרויסע עסטעטישע דער־קענטעניש־ווערטנ, וואָס געטע האָט געשאפנ אונ זײַנע בעסטע ווערק, אונ צו דעמ פּראָגרעסיוונ כאראקטער פונ זײַנע ווערק. געטע דער שפּינאָזיסט, דער אָריגינעלער וויסנשאפט־מאנ פונ זײַנ צײַט, געטעס אָריגינעלע אונ ווערטפולע גנאָסעאָלאָגישע באמערקונגענ, זײַנע ווערטפולע ארויסזאָגונגענ וועגנ קינסטלערס שאפונג־פּראָצעס אונ וועגנ קונסט בכלל האָבנ ניט געקאָנט בלײַבנ אויסער דעמ קרײַז אינטעלעקטועלע אינטערעסנ פונ מארקסנ אונ ענגעלסנ.

מארקס אונ ענגעלס האָבנ געטענ געשטעלט העכער פונ שילערנ. נאָכמער, צו שילערנ איז בא זיי אינ א געוויסער מאָס געווענ א נעגאטיווע באציונג. מיר זעענ דאָס פונ זייערע באמערקונגענ וועגנ שילערנ אינ די בריוו צו לאסאלנ וועגנ „פראנצ פאָנ זיקינגענ", אינ זייער באציונג צו שילערס

[1]) К. Маркс и Ф. Энгельс. „Святой Макс". 1919. Москва. стр. 160—161.

[2]) אינ זײַנ האלב־שפאסיקער „ווידע" ענטפערט מארקס אפ דער פראגע:
„אײַערע באליבטע פּאָעטנ?
— שעקספיר, עסכיל, געטע".

יובילײ פון 1859 יאָר, פון ענגעלס באמערקונגען װעגן שילערן אין „לודװיג פײַערבאך“ א.אז.װ.

מיט װאָס איז עס צו דערקלערן? אין פלוג דאכט זיך, אז מארקס און ענגעלס װאָלטן באדארפט שילערן שטעלן העכער פון געטען. שילער איז דאָך געװען קלוימערשט רעװאָליוציאָנערער א.אז.װ. אינדערעמעסן איז דאָס ניט אזוי. געטע האָט אלזײַטיק אויסגעדריקט זײַן צײַט, ער איז אפ א געניאַלן אופן װײַט ארײַנגעדרונגען אין דער בורזשואזער צוקונפט (אין „פאוסט“, לעמאָשל). װידער איז געטעס אלזײַטיקע װיסנשאפטלעכע טעטיקײַט געװען דער אויסדרוק פון די פראָגרעסיװע טענדענצן פון זײַן עפּאָכע, און דערום איז אזוי מערכטיק בא אים דער דערקענטעניש־דראנג. דער געניאַלער געטע איז אָבער אויך געװען װידערשפּרעכלעך, װײַל ער איז געװען א פּראָדוקט פון די אָפּגעשטאנענע סאָציאַל־פּאָליטישע פארהעלטענישן פון דײַטשלאנד.

אין זײַן פּאָלעמישער ארבעט קעגן קארל גריונס „געטע פונעם מענטשלעכן שטאנדפונקט“ דעקט ענגעלס געניאַל אוף די שרײַענדיקע װידערשפּרוכן אין דער געטע־פּערזענלעכקײַט. ער צייכנט דײַטלעך אָן די ליניע פון זײַנע װאקלענישן און גיט א פּינקטלעכע מעטאָדאָלאָגישע אײַנשטעלונג פארן סאָציאָלאָגישן עקװיװאלענט פון געטעס שאפן [1].

װי געניאַל, לויטער און אינגאנצן פריש איז ענגעלס ארויסזאָגונג װעגן געטען נאָך אזויפיל יאָרן בורזשואזער געטע־פּאָרשונג! ער שרײַבט אין זײַן כאראקטעריסטיק פון געטען: „אין זײַנע װערק באציט זיך געטע אפ א צװייענדיקן אופן צו דער דײַטשישער געזעלשאפט פון זײַן צײַט. ער באציט זיך צו איר פײַנטלעך, זי רופט בא אים ארויס עקל, און ער פּרוּװט זיך אנטלויפן פון איר, װי אין „איפיגעניע“ און בכלל אין דער רײַזע איבער איטאליע; ער מאכט אן אופשטאנד קעגן איר, װי געץ, פּראָמעטײ און פאוסט, ער באשיט זי מיט מעפיסטאָפעלישן ביטערן געלעכטער. אָדער פארקערט, ער באציט זיך צו איר פרײַנטלעך, ער מאכט שאָלעם מיט איר, װי אינעם גרעסטן טײל פון זײַנע „Zahmen Xenien“ און אין אסאך פּראָזאַישע װערק. ער רימט זי, װי אין „מאסקאראד“, ער פארטײדיקט זי פון דער היסטאָרישער באװעגונג, װאָס רוקט זיך אפ איר אָן, באזונדערס אין אלע װערק, װו ער רעדט װעגן דער פראנצויזישער רעװאָליוציע. די זאך איז ניט אין דעם, װאָס געטע אנערקערט קלוי־

[1]) פארבײַגייענדיק דארף מען באמערקן, אז די אלע רעדעס און ארטיקלען פון ליטעראטן — פאכלײַט און ליטעראטור־פאָרשער אין דער צײַט פון די געטע־פײַערונגען האָבן געבראכט מיט זיך בלויז א מאָבל רייד אָדער אינטימע פלוידערײַ, אויב מע זאָל ניט רעכענען די אויסגעשפּראָכענע ציל־באװוסטע רעאקציאָנערע טענדענצן פון א טייל ארויסטרעטונגען און די װײ־געשרייען פון באשטימטע שיכטן פון דער קלײנבירגערלעכער אינטעליגענץ. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אז די געטע־פּראָבלעם אלס אזעלכע, אין איר גאנצער היסטאָרישער קאָמפּליצירטקײַט, האָט די בורזשואזע ליטעראטור־װיסנשאפט ניט געשטעלט. דאָס ביסל װערטפולע געטע־קענטענישן, װאָס דער איצטיקער געטע־יובילײ האָט געבראכט, איז דערטרונקען געװאָרן אין דעם מאָבל פון נישטיקע און באנאלע רייד װעגן געטען.

מערשט בלויז אייניקע זײַטן פון דײַטשישן לעבן, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע זײַטן, וואָס זײַנען אים פֿײַנטלעך. אָפט איז עס בלויז אַן אַנטפּלעקונג פון זײַנע פאַרשיידענע שטימונגען, — אין אים קומט אומופהערלעך פאָר אַ קאַמף צווישן געניאַלן פּאָעט, וואָס די נישטיקייט פון דער סוויווע, וועלכע רינגלט אים אַרום, רופט בײַ אים אַרויס עקל, מיט דעם אויסגערעכנטן זון פון אַ פראַנקפורטער פּאַטריציער אָדער מיטן ווײַמאַרער געהיימראַט, וועלכע פֿילן זיך געצוווּנגען צו שליסן מיט איר אַ וואָפנשטילשטאַנד און צוגעוווינען זיך צו איר. אַזוי איז געטע אָט גרויס, אָט קליינלעך; אָט איז ער אַ געניע, וואָס גיט זיך ניט אונטער, וואָס איז אָפּלאַכעריש, וואָס פאַראַכט די גאַנצע וועלט, אָט איז ער אַ פאָרזיכטיקער, אַ באַגרענעצטער פיליסטער, וואָס איז מיט אַלץ צופרידן. אויך געטע איז ניט געווען אימשטאַנד צו באַזיגן די דײַטשישע נישטיקייט; פאַרקערט, זי באַזיגט אים, און דער דאָזיקער זיג פון דער נישטיקייט (misère) איבערן גרעסטן דײַטש איז דער בעסטער באַווײַז, אַז „פון אינעווייניק" קאָן מען זי ביכלאַל ניט באַזיגן. געטע איז געווען צו אוניווערסאַל, אַ צו אַקטיווע נאַטור, צו זינלעך, ער זאָל אין שילערישן אַנטלויפן צום קאַנטישן אידעאַל זוכן רעטונג פון דער נישטיקייט; ער איז געווען צו דורכדרינגעוודיק, ניט צו זען, אַז דאָס דאָזיקע אַנטלויפן איז סאָפּקאָלסאָפּ באַשטאַנען אין פאַרבײַטן אייגפאַכע נישטיקייט אף הויך־פּליִענדיקע. זײַן טעמפּעראַמענט, זײַן קראַפט, זײַן גאַנצע אינטעלעקטועלע ריכטונג האָבן אים געשטויסן צום פּראַקטישן לעבן. דאָס פּראַקטישע לעבן אָבער, וואָס עס האָט אים אַרומגערינגלט, איז געווען נעבעכדיק. פאַר דער דאָזיקער דילעמע — עקזיסטירן אין אַ לעבן־סוויווע, וועלכע ער האָט באַדאַרפט פאַראַכטן און צו וועלכער ער איז פונדעסטוועגן געווען צוגעשמידט, ווי צו דער איינציקער סוויווע, אין וועלכער ער האָט געקאָנט זײַן טעטיק, — פאַר דער דאָזיקער דילעמע איז שטענדיק געטע געשטאַנען, און וואָס עלטער ער איז געוואָרן, אַלץ מער פלעג דער מעכטיקער דיכטער אָפּטרעטן פאַרן אומבאַדײַטנדיקן ווײַמאַרער מיניסטער. מיר וואַרפן ניט אויף געטען, ווי דאָס טוען בערנע און מענצעל, דאָס, וואָס ער איז ניט געווען ליבעראַל, נאָר דאָס, וואָס ער האָט געקאָנט צײַטנווײַז זײַן אַ פיליסטער; ניט דאָס, וואָס ער איז ניט געווען פייִק אויסצודריקן קיין ענטוזיאַזם אין נאָמען פון דער דײַטשישער פרײַהײַט, נאָר דאָס, וואָס זײַן עסטעטיש געפיל פלעגט ער ברענגען פאַר אַ קאָרבן צום פיליסטערישן שרעק פאַר יעדער מאָדערנער גרויסער היסטאָרישער באַוועגונג; ניט דאָס, וואָס ער איז געווען אַ הויף־מענטש, נאָר דאָס, וואָס אין אַזאַ צײַט, ווען נאַפּאָלעאָן האָט געריינִיקט די ריזיקע אווגייִשע שטאַלן פון דײַטשלאַנד, האָט ער מיט פֿײַערלעכן ערנסט זיך געקאָנט פאַרנעמען מיט די נישטיקסטע איניאַנים און menus plaisirs אין דעם נישטיקסטן דײַטשישן הויף. מיר מאַכן ביכלאַל ניט קיין פאָרוואורף ניט פון מאָראַלישן, ניט פון פאַרטייִשן שטאַנדפּונקט, נאָר סײַדן

1) נאָך ניט קיין געלונגענעם ווידערשטאַנד.

בלויז פונ עסטעטישנ אונ היסטאָרישנ שטאַנדפּונקט; מיר מעסטנ ניט געטענ ניט מיט קיינ מאָראַלישנ, ניט מיט קיינ פּאָליטישנ, ניט מיט קיינ „מענטשלעכנ“ מאַסשטאַב. מיר קאָנענ דאָ ניט פאָרשטעלנ געטענ אינ פאַרבינדונג מיט זײַנ גאַנצער עפּאָכע, מיט זײַנע ליטעראַרישע פאָרגייערס אונ צײַט־כאַווײרימ, אינ זײַנ אַנטוויקלונג אונ אינ לעבנ. מיר באַגרענעצנ זיכ דעריבער בלויז מיט דעמ, וואָס מיר קאָנסטאַטירנ א פאַקט“ [1].

די דאָזיקע ווידערשפּרעכלעכקײַט אינ געטעס פּערזענלעכקײַט, וואָס עס דעקט פאַר אונדז אופ ענגעלס, איז א רעזולטאַט פונ די ספּעציפישע סאָציאַל־פּאָליטישע באַדינגונגענ, אינ וועלכע עס האָט זיכ געפונענ דײַטשלאַנד אינ געטעס צײַט. דאָס, וואָס געטע, דער טיפּישער פאָרשטייער פונעמ דײַטשישנ „דריטנ שטאַנד“, האָט געזענ דײַטשלאַנדס צוקונפט אפ די וועגנ, אפ וועלכע עס זײַנענ שוינ געווענ אַוועקגעגאַנגענ ענגלאַנד אונ פראַנקרײַכ, האָט מעגלעכ געמאַכט, ער זאָל זיכ אָנגורטנ מיט „קאָסמאָפּאָליטישער גײַווע“, ער זאָל אידעאַליזירנ אינ דער קונסט דעמ „נאַטירלעכנ מענטשנ“ (רוסאָ), דעמ „שטאַרקנ מענטשנ“ (שעקספּיר), דעמ „פרײַענ מענטשנ“ (גריכישע קינסט)), ער זאָל זיכ שטעלנ אונטער דער ווירקונג פונ דעמ מאַטעריאַליסט שפּינאָזע, פונ די פראַנצויזישע אויפקלערער (ספּעציעל, וואָלטער אונ דידראָ). אָבער דאָס באַגרענעצטע סאָציאַל־פּאָליטישע לעבנ פונ דײַטשלאַנד האָט אימ געשלעפּט אפ צוריק, האָט אימ געשטויסנ אפ די וועגנ פונ פּאָליטישער באַגרענעצטקײַט. בא דער גאַנצער אָלימפּישער האַרמאָניע, וואָס די בורזשואַזע ליטעראַטור־פאָרשער שרײַבנ צו געטענ, קאָנ אָבער פאַר אַנ עמעס וויסנשאַפטלעכ־פאָרשעריש אויג ניט פאַרשטעלט ווערנ די אינערלעכע צעריסנקײַט, די „טראַגישע“ קאָנפליקטנ אינ געטעס פּערזענלעכקײַט.

עס איז גאָר כאַראַקטעריסטיש געטעס באַציִונג צו דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָליוציע. ביידע, אגעוו, סײַ געטע, סײַ שילער, האָבנ זיכ אָנגעהויבנ באַציִענ פײַנטלעכ צו דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָליוציע נאָכ דעמ 1793 יאָר. שוינ אינ דער צײַט פונ דער רעסטאַווראַציע אינ פראַנקרײַכ, אינ 1824 יאָר, דערציילט געטע עקערמאַנענ וועגנ זײַנ באַציִונג צו דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָליוציע: „יאָ, עמעס, איכ האָב ניט געקאָנט זײַנ קיינ פרײַנט פונ דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע, ווײַל איכ בינ צו נאָענט געקומענ אינ באַריר מיט אירע גרוילנ, וועלכע פלעגנ מיכ אויפרעגנ יעדנ טאָג, יעדער שאָ, בייס מע האָט נאָכ ניט געקאָנט פאָרויסזענ אירע גוטע פאָלגנ. כ'האָב ניט געקאָנט גלײַכגילטיק צוזענ, ווי אינ דײַטשלאַנד האָט מענ פאַרטראַכט קינסטלעכ צו רעפּראָדוצירנ יענע סצענעס, וואָס זײַנענ אינ פראַנקרײַכ געווענ א רעזולטאַט פונ גרויסער נויטווענדיקײַט. איכ בינ אויכ ניט געווענ קיינ פרײַנט פונעמ ווילקיר פונ דער רעגירונג. איכ בינ אויכ געווענ פולשטענדיק איבערצײַגט, אַז אינ יעדער גרויסער רעוואָליוציע איז שולדיק ניט

[1]) Маркс и Энгельс об искусстве. 1933. стр. 100—101.

דאָס פאָלק, נאָר די רעגירונג. רעוואָליוציעס וועלן ווערן איינגאַנצן אומעגלעך אַזוי גיך, ווי די רעגירונגען וועלן ווערן יושע, דיק און שטענדיק וואַכזאַמע, קעדייַ אויסצומייַדן די רעוואָליוציע דורך אייַנפירן באַצייַטנס רעפאָרמעס..." [1])

אָט אַזאַ איז געווען געטעס באַציִונג צו דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָליוציע. די „גרוילן" פון דער רעוואָליוציע שטויסן אָפּ דעם „באַגרענעצטן פיליסטער" געטע, מיט פיליסטערישער באַגרענעצטקייַט כויזעקט ער איבערן פאַרטראַכט קינסטלעך איבערצוכאַוערן די „פראַנצויזישע סצענעס אין דייַטשלאַנד" און אַפּעלירט צו די רעגירונגען, זיי זאָלן זיך באַגיין יושרדיק מיט די מאַסן, קעדייַ אויסצומייַדן רעוואָליוציעס.

געטע, דער דיכטער פון „איפיגעניע", אַ ווערק, וואָס דריקט אויס געטעס אָפּגיין פון דער ווירקלעכקייַט און אַנטפלעקט זייַן „מידקייַט" בענעגייַע צום דייַטשישן פיליסטערישן לעבן, איז אויך דער דיכטער פון „פאַוסט"—דאָס גענִיאַלע ווערק, וואָס די וועלט־ליטעראַטור האָט געשאַפן נאָך שעקספירן. קימאַט זעכציק יאָר האָט דער גרויסער געטע געאַרבעט איבער דעם דאָזיקן ווערק—פון די זיבעציקער יאָרן פון XVIII יאָרהונדערט, ביזן סאָף פון זייַן לעבן. די „פאַוסט־לעגענדע", וועלכע האָט זיך אין דער ליטעראַטור געקנוילט גאַנצע דרייַ הונדערט יאָר, אָנגעהויבן פון איר ערשטן שעפער פאַסטאָר שפיז (אין עם XVI י. ה.), האָט אין די גענִיאַלע מייַסטער־הענט פון פּאָעט געטע געקראָגן קינסטלערישע פאַרקערפּערונג, ווי אַ ווערק, וואָס פאַרמאָגט אין זיך פּערל פון דיִאַלעקטיק. דאָ האָט געטע דערגרייכט צום אָפּאָגיי אין דער דיכטונג פון גאַנצע יאָרהונדערטער (ספּעציִעל, אין ערשטן טייל „פאַוסט") און צום זעניט פון זייַן אייגענער קינסטלערישער שאַפונג.

אין „פאַוסט" האָט געטע מיט דער פילאָסאָפישער טיפקייַט און אויסדריקלעכקייַט, אָפּ וועלכער דער פּאָעטישער געניע אין געטען איז געווען פייִק, געגעבן דאָס בורזשואַזע Sein sollende, דאָס וואָס דאַרף זייַן, אויב עס זאָל דאָ זייַן דערלויבט אויסצודריקן זיך מיט העגעלס שפּראַך.

געטע האָט אַזוי פולקום אויסגעדריקט קינסטלעריש און פילאָסאָפיש דאָס גרעסטע, וואָס זייַן עפּאָכע האָט פאַרמאָגט, צו וואָס זי האָט זיך דערהויבן, אַז מע וואָלט געקאָנט אַהער אָנווענדן געטעס אַ געדאַנק, וועלכן העגעל ציטירט אין זייַנע „לעקציעס איבער געשיכטע פון פילאָסאָפיע": „דאָס אויסגעפורעמטע פאַרוואַנדלט זיך אַליין שטענדיק ווידער אין מאַטעריע". אויב מע זאָל די פּאָעטישע געשטאַלט פאַוסט אַריבערפירן אָפּ אַ סאָציִאַל־עקאָנאָמישער שפּראַך, באַטייַט עס אין גרונט אַן אומבאַגרענעצטן דראַנג צו באַהערשן די נאַטור דורך די אָנקומענדיקע בורזשואַזע פּראָדוקציע־פאַרהעלטענישן.

וועגן „פאַוסט" וואָלט געטע געקאָנט אין אַלע הינזיכטן זיך זעלבסט ציטירן

[1]) „Разговоры Гете с Эккерманом". кн. I. С. Петербург. 1891. стр. 81.

טירן: „מײַן ווערק איז א קאָלעקטיוו ווע‌זן, און עס טראָגט דעם נאָמען געטע״ [1].

מארקס און ענגעלס האָבן הויך געשעצט אין געטעס שאפונג דעם אטעיִסטישן מאָמענט. נאָך אסאך פריִער, איידער קארל גריון האָט באַקומען זײַן „גאָב״ פון ענגעלסן פאר דער טראקטירונג פון דער געטע־פערזענלעכקײַט, פון „מענטשלעכן שטאנדפונקט״, האָט ענגעלס געשריבן אין זײַן ארטיקל „די לאגע פון ענגלאנד״: „געטע האָט ניט גערן געהאט צו טון מיט „גאָט״; פון דעם דאָזיקן וואָרט פלעגט אים ווערן נישט גוט; ער האָט זיך געפילט ווי אינדערהיים נאָר אינעם מענטשלעכן, און די דאָזיקע מענטשלעכקײַט, דאָס דאָזיקע באפרײַען די קונסט פון די פענטעס פון דער רעליגיע בילדן טאקע געטעס גרויסקײַט. אין אָט דעם הינזיכט קאָנען זיך מיט אים ניט פארגלײַכן ניט די אלטערטום־שרײַבער, נישט שעקספיר״ [2].

אין „אנטי־דיורינג״, וואָס איז איינגאנצן געווען קאָנטאקטירט מיט מארקסן, איז ענגעלס ביטער אָנגעפאלן אף דיורינגן, האָט אים אויסגעלאכט, ווען דיורינג האָט געוואָלט אין זײַן פראָיעקטירטער דערציִונג־סיסטעם באזײַטיקן פון דער שול געטעס פאָעזיע: „וואָס איז שײַעך דער עסטעטישער זײַט פון דער דערציִונג קלײַבט זיך דער הער דיורינג צו שאפן אלץ פונדאָסנײַ. די פאָעזיע, וואָס האָט ביז איצט עקזיסטירט, טויג ניט פאר דעם צוועק. דאָרט, ווו עס זײַנען פארבאָטן אלע רעליגיעס, קאָנען, זעלבסטפארשטענדלעך, ניט געדולדעט ווערן אין שול די „מיטאָלאָגישע און רעליגיעזע״ געשטאלטן, וואָס די פריִערדיקע פאָעטן האָבן גענוצט. דאָסגלײַכן דארף מען פארבאָטן „דעם פאָעטישן מיסטיציזם״, צו וועלכן, לעמאָשל, עס האָט געהאט א שטארקע נייגונג געטע״ [3].

קריטיקירנדיק געטען, ניט ווי עס האָבן עס געטאָן בערנע און מענצעל, קיינמאָל ניט ארויסלאָזנדיק פון אויג די „זינלעכע נאטור״ אין געטען, זײַן אוניווערסאלקײַט, זײַן אקטיווע נאטור, האָבן אָבער מארקס און ענגעלס ווײַט ניט געשאנעוועט דאָס פיליסטערישע אין געטען. אין דער ריזיקער געטע־

---

1) מיר האלטן פאר נייטיק צו ברענגען דעם פולן טעקסט פון דער ציטאטע, ווײַל זי ווארפט א העלע שײַן אף געטעס שעפערישן וועג: „וואָס בין איך אליין? וואָס האָב איך געטאָן? כ׳האָב צונויפגעקליבן און אויסגענוצט אלץ, וואָס איך האָב געזען, געהערט, באַאָבאכט. מײַנע ווערק זײַנען געשפײַזט דורך טויזנטער פארשיידענע אינדיווידן, אמעראצים און כאכאָמים, מענטשן פון שיינעם גײַסט און נאראָנים, די קינדהײַט, דער רײַפער עלטער, די אלטקײַט,—אלע האָבן מיר געבראכט זייערע געדאנקען, פייִקײַטן, זייערע האָפענונגען, זייער אויפן פון זײַן; איך האָב צונויפגעקליבן די גערעטעניש, וואָס אנדערע האָבן פארזייט. מײַן ווערק איז א קאָלעקטיוו וועזן און טראָגט דעם נאָמען געטע״. אזוי האָט דער געניִאלער פאָעט פארסאכאקלט זײַן שעפערישן לעבן־וועג צוויי כאָדאָשים פאר זײַן טויט. (זע: В. О. Лихтенштадт. „Гете“ 1920. стр. 77.)

2) М. и Э. Соч. т. II. 1923. стр. 371.

3) Ф. Энгельс. „Анти-Дюринг“. 1928. стр. 305.

פֿאַרשונג איז מארקס און ענגעלס אנאַליז פון געטעס „עקזיסטענץ־דילעמע" געבליבן שטיין ביז היינטיקן טאָג, ווי א ליכט־טורעם, וואָס ווארפט א העלע שיין אף דער אלזייטיק־געניאַלער און ווידערשפּרעכלעכער געטע־פּערזענלעכקייט. דאָס פיליסטעריש־באגרענעצטע, וואָס איז געווען אין געטען, האָט אָבער קיינמאָל ניט פארשטעלט פאר די גרונטלייגער פונעם מארקסיזם די גרויסע עסטעטישע און וויסנשאפטלעכע ווערטן, וואָס דער געניאַלער פּאָעט האָט געשאפן, שטייענדיק מיט ביידע פיס אפן באָדן פון א רעאליסטישן וועלט־באנעם. זיין טעמפּעראמענט, זיין קראפט, די גאנצע אינטעלעקטועלע ריכטונג זיינע, האָבן אים געצויגן צום פּראקטישן לעבן, — זאָגן וועגן אים מארקס און ענגעלס. פּראגנאָ מארינג איז ביז גאָר גערעכט, ווען ער זאָגט פייערלעך וועגן געטען: „די דייטשישע קונסט איז קיינמאָל נישט און אין קיינעם נישט געווען אזוי אלזייטיק פארקערפערט, אזוי העל און אזוי טיף, ווי אין געטען. מיר קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן אזא צייט, ווען די דאָזיקע זון וועט ניט שיינען און וואַרעמען".

פאר דער מארקס־לענינישער ליטעראטור־וויסנשאפט שטייט אָבער אויך די פראגע וועגן דעם, וואָס צו יארשענען בא דעם גרויסן געטען אין פּראט פון שעפערישן מעטאָד. אין וועלכן זינען קאָן און דארף די פּראָלעטארישע ליטעראטור שטעלן געטען פאר א מוסטער? אף דער פּראָבלעם געטע־שילער, ווי עס האָבן זי טראקטירט די גרונטלייגער פונעם מארקסיזם, דארף געלייזט ווערן אויך די דאָזיקע פראגע.

מארקס און ענגעלס האָבן זיך באצויגן נעגאטיוו צו שילערן — ניט אזוי צו זיין פילאָסאָפישן אידעאליזם, ווי צו זיין אידעאליזם אין דער קונסט־שאפונג און צו זיין פילאָסאָפיע פון קונסט. א באוויז: פיכטע און העגעל זיינען אויך געווען אידעאליסטן, פונדעסטוועגן האָבן זיך מארקס און ענגעלס אין גרונט באצויגן פּאָזיטיוו צו די דאָזיקע דענקער. זיי פלעגן שטענדיק אונטערשטרייכן דעם באטייט, וואָס די קלאסישע דייטשישע פילאָסאָפיע האָט געהאט אין דער אויסבילדונג פון זייער דיאַלעקטיש־מאטעריאַליסטישער וועלטאָנשויונג. אָבער צו שילערן, צו זיין אייגנארטיקן אידעאליזם אין דער קונסט, צו זיין אידעאַליסטישן אנטלויפן אף יענער זייט פון דער ווירקלעכקייט, האָבן זיי זיך באצויגן נעגאטיוו. זיי האָבן שארף קריטיקירט בא אים דאָס פארבייטן רעאלע פּאָליטיק אף עסטעטיק, און זיין שטרעבונג צו זוכן אין דער עסטעטיק און דורך איר די באפרייונג פונעם פעאָדאלן יאָך אין דייטשלאנד, מיט איין וואָרט, זיי האָבן קריטיקירט די פארוואנדלונג פון דער ווירקלעכער באפרייונג אין א מין באפרייונג בלויז אין דער אידייע.

דער גרונט־טעזיס פון זיינע עסטעטישע אָנשויונגען פאָרמולירט שילער אזוי: „אין זיין פיזישן צושטאנד* פילט נאָך דער מענטש די מאכט פון דער נאטור, פון דער דאָזיקער מאכט באפרייט ער זיך אינעם עסטעטישן צושטאנד, און באזיגן באזיגט ער זי אינעם מאָראלן". שילער רופט דאָ, פון איין זייט, צו באפרייען זיך פון דעם „פיזישן צושטאנד" אידייִש, נאָר אין געדאנק, פון דער

צווייטער זײַט, ווערט ער פריידיקער פונ רעזיגנאציע, פונ אפּאָליטישקײַט א.אז.וו., ווײַל וואָס הייסט זיגנ מאָראליש, ווענ די מאָראל איז אָפּגעריסנ פונ אקטיווער פּאָליטישער טעטיקײַט? „אינעמ קיניגרײַכ פונ דער עסטעטישער העלקײַט, — שרײַבט שילער, — ווערט פארווירקלעכט דער אידעאל פונ גלײַכהײַט, וואָס איר פארווירקלעכונג האָט דער טרוימער געוואָלט זענ...”

ניט אומויסט האָט שילער אָנגערופנ פיכטענ — וועלכער האָט זיכ בעשומויפנ ניט געוואָלט טרייסטנ מיט דעמ דאָזיקנ שילערישנ „אידעאל פונ גלײַכהײַט” אינעמ קיניגרײַכ פונ עסטעטיק, — „אומעסטעטישע” נאטור.

אפּ שילערס קונסט־שאפונג האָבנ די דאָזיקע עסטעטישע אָנשויונגענ געהאט א גרויסנ אײַנפלוס, אונ דערומ האָט שילערס שאפנ ניט געקאָנט דערגרייכנ צו אזא שטופע, ווי געטעס. די עסטעטישע דערקענטעניש־ווערטנ בא שילערנ זײַנענ אָנ א פארגלײַכ קלענער, ווי בא געטענ. שילערס קונסט איז אידעאליסטיש־אבסטראקט, אָנגעזעטיקט מיט אידעאליסטיש־פילאָסאָפישער דעקלאמאציע, מיט איבערגעטריבענער רעפלעקסירונג. אונ מיט דעמ איז צו דערקלערנ דאָס, וואָס שילער איז פארוואנדלט געוואָרנ אינ א פילאָסאָפיש־פּאָליטישער פּראָגראמ פאר דעמ מעסיק „טעאָרעטיזירנדיקנ” דײַטשישנ פיליסטערטומ, וואָס האָט זיכ געקוויקט מיט פּאָליטישער פרײַהײַט אינ טרוימ אונ פּראקטיקירט רעזיגנאציע, פאסיווקײַט צו פּאָליטישע טאטנ אינ דער ווירקלעכקײַט. ענגעלס האָט מיט העכער פערציק יאָר שפּעטער נאָכ דעמ, ווי ער האָט געשריבנ וועגנ דעמ „עכטנ סאָציאליזמ” אינ דער פּאָעזיע אונ אינ דער פּראָזע, ווו עס ווערט גערעדט וועגנ שילערס אנטלויפנ אינ קאנטישנ אידעאל — אָנגעוויזנ אינ „לודוויג פײַערבאכ”: „דער פאָרורטייל וועגנ דעמ, אז דער גלויבנ אינ זיטלעכע, דאָס הייסט אינ געזעלשאפטלעכע, אידעאלנ בילדעט קלוימערשט דעמ מעהוס פונעמ פילאָסאָפישנ אידעאליזמ, איז אנטשטאנענ אויסער דער פילאָסאָפיע, בא די דײַטשישע פיליסטערס, וואָס האָבנ אויפגעקליבנ די נייטיקע פאר זיי ברעקלעכ פונ פילאָסאָפישער בילדונג אינ שילערס לידער”[1].

פונ דעמ דאָזיקנ געדאנק ענגעלס ווערט קלאָר, ערשטנס, אז מע טאָר ניט אידענטיפיצירנ שילערס אידעאליזמ מיטנ אידעאליזמ פונ פיכטענ אונ העגעלנ, צווייטנס, אז שילער איז פארנ דײַטשישנ פיליסטער געוואָרנ דער שעפּער פונ יענע פילאָסאָפישע כאלוימעס וועגנ געזעלשאפטלעכע אידעאלנ, וואָס האָבנ דעמ דײַטשישנ פיליסטער געדינט פאר א בארעכטיקונג פונ זײַנ פּאָליטישער אונ געזעלשאפטלעכער פאסיווקײַט.

ארויסגייענדיק פונ זײַנע עסטעטישע קאָנצעפּציעס אינ פראגעס פונ קאָנקרעטער קונסט־שאפונג, האָט שילער, מאָדיפיצירנדיק אינ גײַסט פונ זײַנ אייגענער עסטעטישער טעאָריע קאנטס שטעלונג פונ דער פּראָבלעמ פונ פאָרמ אונ אינהאלט אינ דער קונסט, געשאפנ אזא פאָרמול פארנ קינסטלער: „אינ דעמ דריקט זיכ אויס דער עמעסער סאָד פונעמ מײַסטער, וואָס ער לייזט אופּ

[1]) Ф. Энгельс. „Л. Фейербах“. 1931. стр. 52.

די מאטעריע מיט דער הילף פון פאָרם". באַ געטען געפינען מיר פונקט א דיאַ־ מעטראַל קעגנזעצלעכע פאָרמולירונג: „אינהאלט שאפט פאָרם, פאָרם עקזיס־ טירט קיינמאָל ניט אָן אינהאלט". און די געשטאַלטלעכקייט פון געטעס ווערק שטעלט טאקע מיט זיך פאָר מאטעריאליזירטע פאָרם, אין ברייטן זינען פונעם וואָרט. „דאָס אויסגעפורעמטע, — כאַזוערן מיר איבער געטעס געדאנק, — פאַר־ וואנדלט זיך אליין שטענדיק ווידער אין מאטעריע".

וועגן זײַן אייגענעם שעפערישן מעטאָד שרײַבט שילער צו געטען דעם 13 אויגוסט, 1794: „געוויינלעך האָט מיך באהערשט דער פּאָעט, ווען איך האָב געדארפט פילאָסאָפירן, און דער פילאָסאָפישער גײַסט — ווען איך האָב באַדארפט זיך אָפּגעבן דעם פּאָעטישן שאפן". שילער פילט, אז זײַנע פילאָסאָ־ פישע פּאָזיציעס שטערן אים אין זײַן קינסטלערישן שאפן, אז די געשטאַלט־ לעכקײַט לײַדט דערפון, וואָס זי ווערט, אזוי צו זאָגן, אופגעלייזט אין דער אידייע. ער האָט אָבער פון דעם געמאכט פאַרקערטע אויספירן. געטעס קוק אף דער ווירקלעכקײַט איז אים געווען שטארק דערווידער. שילער שרײַבט וועגן געטען: „זײַן פילאָסאָפיע איז מיר אויך זייער ניט צום געשמאַק: צו פיל נעמט זי פון דער זינלעכער וועלט דאָרט, ווו איך נעם פון דער נשמה". שילערן איז ניט געווען צום הארצן געטעס זינלעכקײַט. אליין האָט ער ארומ־ געשוועבט אין אן אבסטראקט געשאפענער וועלט, ערגעץ אף יענער זײַט פונ־ נעם רעאלן לעבן. שילער האָט, נאָך זײַנע ערשטע דרייסטע יוגנט־ווערק, געזוכט אין דער קונסט, אין דער עסטעטיק אן אָרעמיקלעט אף צו אנטלויפן פון דער ווירקלעכקײַט. געטע איז געווען דער אידעאָלאָג פון דער דײַטשישער בורזשואזיע, שילער — אין טאָך דער אידעאָלאָג פון דײַטשישן קליינבירגער־ טום אין דער צווייטער העלפט פונעם XVIII יאָרהונדערט.

דאָס האָט שילערן געמוזט ברענגען אין דער קונסט־שאפונג צו דעם אי־ דעאליזם, וואָס מארקס רופט עס אָן אין זײַן בריוו צו לאסאלן וועגן „פראנצן" — שילעריזירונג. געטע האָט מיט דער הילף פון אדעקוואטער געשטאַלטלעכ־ קײַט רעאליזירט, פאַרקערפּערט אין דער קונסט זײַנע אידייעס, ער האָט אויסגעמיטן צו פאַרוואנדלען זײַנע געשטאַלטן בלויז אין א רופּאָר פונעם צײַט־ גײַסט. געטע איז אין זײַן שאפן געגאנגען אפן שעקספּירישן וועג, ווײַל ער איז ניט אנטלאָפן, באַ אלע זײַנע וואקלונגען, אף יענער זײַט פון לעבן. שילער אָבער, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פונעם רעאלן לעבן, וואָס האָט פאַרוואנדלט די קונסט אין א קיניגרײַך פון אבסאָליוטער פרײַהײַט, דאָס הייסט, פון פרײַהײַט נאָר אין דער אידייע, האָט זײַנע געשטאַלטן פאַרוואנדלט אין טרעגער פון אלגעמיי־ נע פּרינציפּן און אויסדריקער פונעם צײַט־גײַסט. זײַנע געשטאַלטן שטעלן אָבער מיט זיך ניט פאָר קיין קאָנקרעטע מענטשן, וואָס פאַרקערפּערן אין זיך און דריקן אויס קאָנקרעטע געזעלשאפטלעכע פאַרהעלטענישן. שילער איז אין זײַן שעפערישן מעטאָד ניט קיין רעאליסט. ער איז אין דעם פּראט נעענטער צו

שאטאָבריאַנענ אָדער צו הוגאָ (האגאמ ער איז געווענ פראָגרעסיווער פונ שאטאָבריאַנענ), איידער צו שעקספירנ אונ באַלזאַקנ.

די פראָבלעמ פונ אינהאלט אונ פאָרמ אינ דער קונסט האָט שילער געלייזט אידעאַליסטיש, אופלייזנדיק דעמ אינהאלט אינ דער פאָרמ אפ אזא אופנ, אז דאָס געשטאַלטלעכ באַזונדערע, וואָס שטעלט מיט זיכ פאָר די נעשאָמע פונ דער קונסט, האָט ניט קיינ אייגנ לעבנ, ווערט עלימינירט. געטע האָט אינ זײַנע שמועסנ מיט עקערמאַנענ וועגנ עקערמאַנס דיכטערישע פרווונ אפנ פאָלגנדיקנ אופנ פאָרמולירט די פראָבלעמ וועגנ דער צווישנבאַציִונג צווישנ אַלגעמיינעמ אונ באַזונדערנ אינ דער קונסט: „איר געפינט זיכ איצט אפ אזא שטופע, ווענ איר דאַרפט אומפאַרמײַדלעכ מאַכנ א דורכרײַס צומ סאמע העכסטנ אונ צומ סאמע שווערסטנ אינ דער קונסט — צומ אופאַסנ דאָס אינדיווידועלע. דאָס פאַרשטיינ אונ רעפראָדוצירנ דאָס באַזונדערע שטעלט מיט זיכ פאָר דאָס עמעסדיקע אינ דער קונסט".

דער סאָציִאַל-פאַשיסט קאַרל קאַוטסקי, ברענגענדיק אינ זײַנ בוכ [1]) די נאָרוואָס געבראַכטע ציטאַטע, קאָמענטירט זי אָבער אינגאַנצנ אינעמ גײַסט פונ ריקערט-ווינדעלבאַנדס אידעאַליזמ. ער שרײַבט: „דער אָביעקט פונ דער וויסנשאַפט איז נאָר דאָס אַלגעמיינע; פאַרקערט, אופאַסנ דאָס באַזונדערע אונ גײַסטיק עס איבעראַנדערשנ אָדער שאַפנ פונ דעמ נײַע פאָרמענ — דאָס איז די זאַכ פונ דער קונסט". קאַוטסקי פאַרקריפּלט דאָ דעמ ווירקלעכנ צוזאַמענהאַנג, וואָס עקזיסטירט צווישנ דעמ אַלגעמיינעמ אונ באַזונדערנ אינ דער קונסט, ווי אויכ צווישנ קונסט אונ וויסנשאַפט. קעמפנדיק קלוימערשט מיט ריקערט-ווינדעלבאַנדנ, שטעלט ער זיכ אפ זייערע פאָזיציעס.

די וויכטיקסטע פאָרשטייער פונ פריִענ אונ שפעטערדיקנ בורזשואַזנ רעאַליזמ, ווי שעקספיר, דידראָ (ספעציִעל, „פלעמעניק ראַמאָ"), געטע, באַלזאַק, האָבנ אינ דער וועלט-ליטעראַטור געשאַפנ גרויסע עסטעטישע דערקענטענישווערטנ. זייערע ווערק זײַנענ אינ א היפשער מאָס אָנגעזעטיקט מיט דיִאַלעקטיק, מיט א טיילווײַז דיִאַלעקטישנ באַנעמענ די ווירקלעכקײַט. אינ דעמ פראַט האָט דער סאָציִאַליסטישער רעאַליזמ זייער אַסאַכ וואָס צו לערנענ בא די דאָזיקע גרויסע גײַסטער פונ דער וועלט-ליטעראַטור, דערבײַ, פאַרשטייט זיכ, שטייט פאַרנ סאָציִאַליסטישנ רעאַליזמ די אופגאַבע דיִאַלעקטיש גויווער צו זײַנ זיי, דיִאַלעקטיש אופצוהייבנ זיי.

פאַרנ שעפערישנ מעטאָד פונ סאָציִאַליסטישנ רעאַליזמ איז די פראָבלעמ פונ שעקספיריזאַציע אינ דער קונסט זייער אַנ אַקטועלע. ענגעלס אינ זײַנ בריוו צו מינע קאַוטסקע גיט א קאָנקרעטע דערקלערונג, וואָס עס באַטײַט שעקספיריזאַציע אינ דער קונסט: „יעדער פערזאָנ איז א טיפ, נאָר גלײַכצײַטיק אויכ א פולקומ באַשטימטע פערזענלעכקײַט — א „דערדאָזיקער", ווי עס וואָלט געזאָגט דער אַלטער העגעל". אינדערעמעסנ, דער סאָציִאַליסטי-

[1]) К. Каутский. „Мат. понимание истории". т. II. 1931. стр. 657.

שער רעלאיזמ וועט האָבנ גאָר א קליינעמ ווערט, אויב ער וועט ניט גיינ אינ דער ריכטונג פונ דער נאָרוואָס ציטירטער ענגעלס אָנווײַזונג. אויכ בענע־גייע דער קונסט־שאפונג איז פולשטענדיק גילטיק לענינס אײַנשטעלונג וועגנ צוזאמענהאנג צווישנ באזונדערנ אונ אלגעמיינעמ אינ דער פילאָסאָפיע. פאר־שטייט זיכ, אז דאָ טאָר מענ ניט ארויסלאָזנ פונ אויג דעמ ספּעציפיקומ פונ קונסט. „דאָס אלגעמיינע, — זאָגט לענינ, — עקזיסטירט נאָר אינעמ באזונדערנ, דורכ דעמ באזונדערנ. איטלעכס באזונדערע איז (אזוי אָדער אנדערש) דאָס אלגעמיינע. איטלעכס אלגעמיינע איז א טיילכל (אָדער זײַט, אָדער מעהוס) פונעמ באזונדערנ″ [1]).

האָמער, עסכיל, סערוואנטעס, מאָליער, געטע, באלזאק שטעלנ מיט זיכ פאָר אינ דער קונסט די בעסטע איליוסטראציע צו דעמ, וואָס מארקס אונ ענגעלס האָבנ געמיינט מיט דער שעקספּיריזאציע אינ קעגנשטעלונג צו דער שילערי־זאציע. מארקס אונ ענגעלס האָבנ שילערנ, האָבנדיק אינ אויג דעמ באדײַטנ־דיקסטנ טייל פונ זײַנע ווערק, ניט פארעכנט צו דער שעקספּיר־ליניע אינ דער וועלט־ליטעראטור.

יאנואר־מארט, 1933 י.

באמערקטע דרוקפעלערנ

זײַט	שורע	אָפּגעדרוקט:	דאַרף זײַנ:
19	13 פונוגטנ	דעמ ראָמאניסט עזשענ	דעמ ראָמאניסט עזשענ סיו
25	3 ″	„דאָס, וואָס ער	דאָס, וואָס ער
26	3 פונויבנ	נויטווענדיקנ פאקט″.	נויטווענדיקנ פאקט.
35	6 ″	געזעלשאפטלעכער אויסדרוק	געשטאלטלעכער אויסדרוק
43	21 — 22 ″	זייער אנטוויקלונג — צו דער אָפּלייקענונג	זייער אנטוויקלונג = צו דער אָפּלייקענונג
63	1 ″	ווערט ער פריידיקער	ווערט ער דער פריידיקער

[1]) „Ленинский сб.“ XII. стр. 325.

:אינהאלט

אַרײַנפיר 3
באַלזאַק 15
לאַסאַלס דראַמע „פראַנץ פאָן זיקינגען“ 38
געטע — שילער 52